STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03254

DEMOKRATISHER SOTSYALIZM ODER ROYTE DIKTATUR?

Karl Kautsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ייִדיש

קאַרל קאַוטסקי:

דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם
אָדער רויטע דיקטאַטור?

מיט א פאָרוואָרט
פון
א. ליטוואַק

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „וועקער“, 175 איסט בראָדוויי
ניו יאָרק, 1932

200
Up-To-Date Printing Co., 476 Broadway, New York

פאָרוואָרט

פון א. ליטוואַק.

קארל קאוטסקי׳ס ארטיקלען אונטער׳ן אלגעמיינעם נאָמען „דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם אדער דיקטאַטור?" זיינען ניט לאנג צוריק געווען געדרוקט אין דריי זונטאָג־נומערן „פאָרווערטס". צענדליגער טויזנטער מענשן האָבן די דאָזיגע ארטיקלען געלייענט און האָבן פון זיי א סך געלערנט. אויב מיר געפינען איצטער פאר נויטיג זיי איבערצודרוקן אין א באַזונדער בראָשור, איז דאָס צוליב דעם, וואס ווען מ׳ליינט אן ערנסטע ארבעט שטיקלאכווייז, מיט לענגערע איבעררייסונגען, איז פון איין מאָל ביז׳ן אנדערן שווער איינצוהאלטן אלץ אין זכרון און אָפט קאָן מען ניט צונויפבינדן דעם סוף פונ׳ם ערשטן אַרטיקל מיט׳ן אָנהויב פון דעם צווייטן; אין קאָפּ בלייבן איינצלנע, אָפּגעריסענע שטיקלאך, ניט קיין גאנצע זאך. אָבער עס זיינען געווים פאראנען לעזער וועלכע וואָלטן געוואָלט האָבן קאוטסקי׳ס ארטיקלען אין א ביכל, וואָס האלט זיך איין לענגער, נאָך אמאָל אריינצוקוקן און אריינטראכטן זיך טיפער אין דעם אדער יענעם פונקט.

קאוטסקי איז געווען א רבי פאר צוויי דורות סאָציאליסטישע טוער. און היינט, א זקן פון אַ יאר 80, איז זיין מח נאָך שארף און קלאָר, זיין גייסטיג אויג ליכטיג, ניט פארבלענדט ניט פון פארביטערונג, ניט פון אילוזיעס און גייסטיגע זייפן־בלאָזן. יעדן ארטיקל זיינעם נעמט די סאָציאליסטישע וועלט אויף, ווי א מתנה. ביי יעדער וויכטיגער פראגע וואַרט מען מיט אומגעדולד, וואס וועט קאוטסקי זאָגן? דאָס הייסט ניט, אז מיר מוזן אומבאַדינגט מסכים זיין מיט אלע איינצלהייטן פון קאוטסקי׳ס אַרטיקלען. אָבער מיט זיין צוגאנג צו דער פראגע, מיט זיין אלגעמיינעם אַנאַליז, זיינען מיר דורכאויס מסכים. ער גיט אונז א לייט־פאָדעם אין דעם לאַבירינט פון פראגן און פראָבלעמען, וועלכע טראָגן דעם נאָמען סאָוועט־רוסלאַנד.

קאוטסקי׳ס ארטיקלען זיינען מיט זייער גאנצן שארף געווענדעט געגן די קאָמוניסטן, אָבער זיי זיינען געבויט אַזוי, אז אומדירעקט זיינען זיי אן ענטפער אויף די מיינונגען פון אָטאָ באַוער וועגן סאָוועט רוסלאַנד. פאר די לענדער, וואס שטייען הויך אויפ׳ן לייטער פון אינדוסטריעלער און קולטורעלער ענטוויקלונג, ווי דייטשלאַנד, עסטרייך, ענגלאנד און ד. גל., פאר זיי מיינט זַטאָ באַוער, טויגן די קאָמוניסטישע רעצעפּטן לחלוטין ניט. אין רוסלאנד אָבער, וואס איז ווירטשאַפטליך און קולטורעל אָפּגעשטאַנען, דאָרטן קאָן די **קאָמוניסטישע דיקטאַטור ווערן א וועג צום סאָציאליזם.** דער פינף־יאריגער פּלאַן, ווען ער זאָל געלונגען, קאָן ער מאכן, אז רוסלאנד זאָל אין א קורצער צייט אָניאגן די דורכגעלאָזענע עטאַפּן פון אנטוויקלונג און דערגרייכן די רייפקייט, וועלכע איז אין מעריב־אייראָפּע דערגרייכט געווארן דורך דורות קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג. און אַזוי ווי דער פינף־יאר פּלאַן און די גאנצע עקספּערעס־אנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט לייגן זיך ווי אַ שווערער יאָך אויף די פּויערישע און פּראָלעטאַרישע מאסן און שאפן פאר זיי א לאגע פון איבעראַרבעט ביז אויסשעפּונג און אונטערדערנערונג ביז שווערער נויט, וואָלטן די מאסן, איבערהויפּט די

פויערישע, דאָס ניט געדולדעט. די דיקטאַטור צווינגט די דאָזיגע סיסטעם ארויף אויף די מאסן, זיי זאָלן ליידן היינט צוליב דעם גליק פון מאָרגן. אז עס וועט קומען דער מאָמענט פון רייפקייט וועט אין סאוועט־רוסלאַנד זיין א מעגלאַכקייט איבערצוגיין צו א דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם. קאַרל קאוטסקי באווייזט אין זיינע ארטיקלען, אז פאַר רוסלאַנד זיינען ניטאָ קיין באזונדערע געזעצן פון אנטוויקלונג, אז דורך קיין דיקטאַטור קאָן מען קיין נויטיגן עטאַפּ פון אנטוויקלונג ניט איבערהיפּן, אז דער פינף־יאָר־פּלאַן ברענגט ניט צו רייפקייט, נאָר צו א פּלאַנטער; ניט צו א פּלאַן, נאָר צו א סך פּלענער, ממילא, צו א פּלאַנלאָזיגקייט; ניט צו סאָציאַליזם, נאָר צו א נייעם מין מלוכה־קנעכטשאַפט.

באַזונדער שטעלט נאָך אַ פראגע, וועלכע האָט פאַר אונז א גרויסן אינטערעס. ער געפינט, אז א מאסן־אויפשטאַנד געגן דער דיקטאַטור קאָן אראָפּרייסן דעם וויכטיגן עקספּערימענט, וואס ווערט איצט אין סאוועט־רוסלאַנד געמאכט. אז אין א צייט פון אן אויפשטאַנד, וועלן די פויערים אויסגיסן זייער פארביטערונג געגן די ארבעטער, וועמען זיי מאכן שולדיג אין קאָמוניזם, נעמען נקמה פון די קאָמוניסטן פאַר לאַנגע יאָרן ביטערע ליידן, פיניגונג און ווילקיר, און זיי וועלן שאַפן א קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, פאַשיסטישן רעזשים. דעריבער געפינט ער, אז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן טאָרן ניט רופן צו קיין אויפשטאַנד און טאָרן איצט אפילו ניט קריטיקירן די סאָוועטן־דיקטאַטור מיט'ן פינף־יאָר־פּלאַן.

די רוסלענדער סאציאַל־דעמאָקראַטיע איז אויך געגן אן אויפשטאַנד, ווייל זי אנערקענט, אז דאָס קאָן ברענגען רוסלאַנד צו א רעאקציע און צו א שווארצער דיקטאַטור. די געגנאָסן דאן, אבראַמאָוויטש א. ד. גל., זיינען געגן שטירצן די באָלשעוויסטישע דיקטאַטור מיט אמאָל. זיי ווילן, אז דער קאָמוניזם זאָל זיך אליין אויסלעבן און אונטער'ן דרוק פון די מאסן, אונטער'ן דרוק פון די רעכטע קאָמוניסטן, זאָל די דיקטאַטור ביסלאַכווייז איבערגיין אין א דעמאָקראַטישע ארדענונג. אָבער דערצו איז דורכאויס נויטיג, מ'זאָל די סאָוועטן־מאכט אַלזייטיג קריטיקירן און פירן א ברייטע אגיטאַציע פאַר דעמאָקראַטיע. ווארום אויב אַ דור א גאנצער וועט ערצויגן ווערן אין פאַראַכטונג צו דעמאָקראַטיע און אין שטומער געהאָרכזאַמקייט — ווער וועט שפּעטער, ווען עס וועט קומען די רייפקייט, וועלכע באַזונדער ערוואַרט, קעמפן פאַר אַ דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם?

אין די ארטיקלען, וואס גייען אריין אין דער איצטיגער בראָשור, לאָזט קאוטסקי איבער די דאָזיגע פראגע אָפן. אין זיינע פריערדיגע ארבעטן דערלאָזט ער דעם געדאַנקען וועגן אן אויפשטאַנד געגן דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור יאָ. ער געפינט, אז די פויערים קענען ווערן געפערלאַך נאָר דעמאָלט, ווען זיי וועלן זען, אז די ארבעטער זיינען געגן זיי און זיי וועלן איבערגעלאָזן ווערן אליין מיט זייער פארביטערונג, אין רשות פון די אנטי־סאָציאַליסטישע עלעמענטן. ווען די ארבעטער מיט די סאָציאַליסטן וועלן גיין צוזאמען מיט די פויערים אין זייער באַפרייאונגס־קאַמף און ווי ווייט מעגלאַך זען צו פירן די דאָרפישע מאסן נאָך זיך, וועט קיין שווארצע געפאַר מצד די פויערים ניט זיין.

וואו ליגט דער אונטערשייד צווישן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, אין דער אויסטייטשונג פון ווערטער אָדער אין תוך ?

דער דייטשער אַרבעטער־קלאַס שטייט איצט פאַר שווערע קאַמפן מיט היטלער׳ס וואַקסנדע פאַשיסטישע מחנות. נאָר אין אַ געשלאָסענעם פראָנט קען דער אַרבעטער־קלאַס האָפן אַרויסצוקומען זיגרייך פון דעם דאָזיגן קאַמף. די דייטשע „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן" (פאַשיסטן) זיינען דיזעלבע געפאַר פאַר די קאָמוניסטן, ווי פאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. פונדעסטוועגן האַלטן זיך די קאָמוניסטן עקשנות׳דיג ביי זייער אַלטער טאַקטיק פון קוקן אויף די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, ווי אויף זייערע ערגסטע שונאים, וועלכע מען מוז צוערשט באַזיגן, איידער מען נעמט זיך פאַר היטלער׳ס פאַשיסטן.

דעם אומזין פון אַזאַ טאַקטיק האָט קלאָר איינגעזען אַפילו דער קאָמוניסט טראָצקי. ער האָט אויפגעפאָדערט די דייטשע קאָמוניסטן צו פאַרשטענדיגן זיך מיט דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי און מיט פאַראייניגטע קרעפטן ניט דערלאָזן, אַז די פאַשיסטן זאָלן קומען צו דער מאַכט.

אָבער ווי נויטיג דאָס זאָל ניט זיין אין דעם איצטיגן קריטישן מאָמענט פאַר דער דייטשער רעפּובליק, וועלן די קאָמוניסטן ווייטער שטיצן די פאַשיסטן. מער ווי אויף אַנדערע פּאַרטייען וועלן זיי אָנפאַלן אויף די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און אָפטמאָל וועלן זיי דאָס טאָן האַנט אין האַנט מיט היטלער׳ס פאַשיסטן.

האָבן מיר דאָ ניט צו טאָן מיט אַן אומגליקלאַכער מיספאַרשטענדניש ? וואָס טיילט אונז דען אָפּ פון די קאָמוניסטן ? זיי, פונקט ווי מיר, סאָציאַלדעמאָקראַטן, זיינען אַן אַרבעטער פּאַרטיי. אונזער געמיינשאַפטלאַכער ציל איז צו באַפרייען דעם אַרבעטער־קלאַס דורך איינפירן אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג. נאָכמער, דער טעאָרעטישער פונדאַמענט פאַר אונזערע פּראַקטישע קאַמפן איז ביי אונז דערזעלביגער. דאָס איז די לערע פון קאַרל מאַרקס. עס קומט אויס, אַז אַלץ, וואָס טיילט אונז פאַנאַנדער, איז נאָר די פאַרשידענע אויסטייטשונג פון עטלאַכע ווערטער, וואָס מאַרקס האָט געזאָגט. און צוליב דעם צושטערט מען דאָס דעם איינהייטלאַכן קאַמפס־פראָנט, פון וועלכן עס הענגט אָפּ, צי דער אַר־

בעטער־קלאַס וועט קענען ווייטער פירן זיין באַפרייאונגס־קאַמף אָדער ניט ?

אויב דאָס וואָלט אזוי געווען, וואָלט דאָך אונזער באַוועגונג געשטאַנען ניט העכער פון געוויסע קריסטלאַכע סעקטעס, וואס זיי־נען געווען גרייט איינע די אַנדערע צורייסן צוליב דער אויס־טייטשונג פון עטלאַכע ווערטער אין דער ביבל.

אייגנטלאַך, ווען מען קוקט זיך צו נענטער, האָבן זיך יענע סעק־טאַנטן אויך ניט סתם אַרומגעריסן איבער גאָרנישט, ווי דאָס קען אויסווייזן אויפ׳ן ערשטן בליק. הינטער דער פאַרשידענער אויס־טייטשונג פון ווערטער זיינען געווען פאַרבאָרגן גאַנץ ממשות׳דיגע אונטערשיידן. פון אויבן אויף, צום ביישפיל, האָבן די פּראָטעס־טאַנטישע פירער לוטער און צווינגלי זיך אַרומגעריסן נאָר צוליב דער אויסטייטשונג פון ווערטער אין עוואַנגעליום, פון וועלכע עס נעמט זיך אַ וויכטיגע קריסטלאַכע צערעמאָניע. אָבער אין דער אמת׳ן אין דער אונטערשייד באַשטאַנען אין דעם, וואָס צווינגלי איז געווען א רעפּובליקאַנער, און לוטער האָט געקעמפט פאר אַן אבסאָלוטער מאָנאַרכיע.

פונקט דאָס זעלבע זעען מיר אין די באַציאונגען צווישן אונז מיט די קאָמוניסטן. זיי באַקעמפן אונז, ניט ווייל זיי טייטשן אויס מאַרקסי׳ לערע אַנדערש, ווי מיר, נאָר פאַרקערט, זיי מוזן מארקסי׳ן אַנדערש אויסטייטשן, כדי צו געפינען אַרגומענטן געגן אונז.

אַמאָל זיינען זיי געשטאַנען אויף דעמזעלבן טעאָרעטישן באָדן, וואָס מיר. אָבער שפּעטער איז צווישן זיי מיט אונז אויסגעוואקסן אַן אָפּגרונט, וועלכן מ׳קאָן ניט אַריבערשפּאַנען, ווי שטאַרק מיר וואָלטן דאָס ניט געוואָלט, און ווי דרינגענד נויטיג דאָס זאָל ניט זיין. און דער אָפּגרונט האָט זיך גענומען ניט פון א מיספאַרשטענדניש און ניט בלויז פון אַ מיינונגס־פאַרשיידנהייט.

דער מאַרקסיסטישער געדאַנקען־גאַנג אין סאָציאַליזם.

כדי איינצוזען, ווי ווייט קאָמוניזם און סאָציאַלדעמאָקראַטיע קאָנען ניט שטימען, וועלן מיר וואַרפן א בליק צוריק, אויף דער צייט, ווען דער סאָציאַליזם איז געבאָרן געוואָרן.

דער סאָציאַליזם האָט צוויי וואָרצלען, אַ מאָראַלישן און אַן עקאָ־נאָמישן. דער ערשטער וואָרצל ליגט אין די איינגעבוירענע אייגנ־שאַפטן פון דעם מענשן. דער צווייטער וואָרצל ליגט אין דעם תוך פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און אין דער לאַגע, אין וועלכער עס געפינען זיך דאָ די ארבייטער, אלס א קלאַס.

די פירער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן געפאָדערט פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלאכקייט. אָט די פאָדע־רונג איז נאָך עלטער פון דער מענשלאַכער געשיכטע. זינט עס עקזיסטירן אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע, האָבן די געדריקטע און עקספּלואַטירטע און זייערע פריינט געשטעלט אַזאַ פאָדערונג. אָבער די פאָדערונג פון די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן האָט נאָר אוועקגעשטעלט די פראַגע, און האָט ניט אָנגעוויזן דעם וועג, ווי אזוי די פראַגע צו פאַרענטפערן.

דער וועג איז פאַרשיידן אונטער פאַרשיידענע געזעלשאַפטלאַכע פאַרהעלטנישן פאַר אַלערליי קלאַסן. ערשט ביי דער קאַפּיטאַליס־טישער פּראָדוקציע ווערט מעגלאַך און נויטיג צו לייזן די פראַגע דורך איינפירן אַ דעמאָקראַטישע געזעלשאַפטלאַכע ווירטשאַפט פון אלע אַרבעטענדע מענשן. אָבער צו אַזאַ לייזונג פון דער פראַגע קען מען קומען ניט דורך פּראָטעסטירן און צאָרענען און באַרופן זיך אויף מאָראַלישע באַגריפן, נאָר דורך עקאָנאָמישער פאָרשונג. אָבער עס פאַרשטייט זיך, אז מ'קאָן דאָס דערגרייכן, נאָר ווען מ'איז שטאַרק דורכגענומען פון דעם, וואָס מ'האָט זינט דער ערשטער פראַנצויזי־שער רעוואָלוציע אָנגערופן „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלאַכ־קייט”.

יעדער סאָציאַליסטישער דענקער איז אויפגעבראַכט געוואָרן פון יעדן מין קנעכטשאַפט און עקספּלואַטאַציע. אָבער יעדער איינער פון זיי איז אויך געווען אַ פאָרשער פון דעם עקאָנאָמישן לעבן.

צוזעענדיג ווי די קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע האָט געבראַכט מיט זיך עלנד פאַר די מאַסן, זיינען אַזעלכע דענקען געווען אויפ־געבראַכט, און זיי זיינען געקומען צו סאָציאַליסטישע אידייען. אָבער טאָקע דער זעלביגער עלענד פון די ארבעטענדיגע מאַסן האָט די מאַסן אליין אזוי שרעקלאַך טיף אַרונטערגעדריקט, אַז זיי זיינען געווען פולשטענדיג אומפּייאיג צו אַ וועלכן ניט איז ווידערשטאַנד. און ווען איינינע פון זיי פלעגן אמאָל יאָ רעוואָלטירן, האָבן זיי קיין

בעסערע זאך ניט געפונען צו טאָן, ווי צו ברעכן מאַשינעס און אַנצוצינדן פאַבריקן. אָבער דורך אַזעלכע אויסברוכן פון צאָרן האָבן זיי נאָר גרעסער געמאַכט זייער עלנט און נויט.

די ערשטע סאָציאַליסטן האָבן דעריבער געגלויבט, אַז דער ארבעטער־קלאַס איז ניט פּייאיג זיך אַליין צו באַפרייען. זיין באַפרייאונג וועט מוזן קומען דורך גוטהערציגע מענשן, וואָס שטייען אויף אַ העכערער געזעלשאַפטלאַכער שטופע, איידער די ארבעטער. עס איז אָבער באַלד קלאָר געוואָרן, אַז מ׳קען גאָרניט ערוואַרטן פון די מיליאָנערן און בורזשואזע שטאַטסמענער. און אויסער די אוטאָ־פּיסטן, וואָס האָבן אויסגערעכנט אויף די גוטהארציגע מענשן פון דער בורזשואזיע, זיינען געקומען אַנדערע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן איינגעזען, אַז נאָר פון דעם ארבעטער־קלאַס אַליין וועט קומען די קראַפט, וואָס וועט דורכפירן דעם סאָציאַליזם.

אָבער אויך אָט די סאָציאַליסטן האָבן זיך באַלד אַנטוישט, זיך מיאש געווען אין די מאַסן. זיי האָבן גענומען לייגן אַלע האָפנונגען אויף די אויסערוויילטע צווישן די ארבעטער, אַזעלכע, וואָס, אַ דאַנק זייערע גינסטיגע פאַרהעלטנישן, שטייען זיי העכער פון דעם דורכ־שניט אַרבעטער. אַזעלכע אויסערוויילטע צווישן די ארבעטער האָבן צוזאַמען מיט פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן, געזאָלט מאַכן אַ פאַרשווערונג, אין אַ געווייסן מאָמענט מאַכן אַ באַוואַפנטן אויפ־שטאַנד, באַפרייען דעם אַרבעטער־קלאַס און איינפירן דעם סאָ־ציאַליזם.

עס זיינען געקומען נאָך אַנדערע סאָציאַליסטן וואָס דער אָנהויב פון דער אַרבעטער באַוועגונג האָט זיי פאַרבלענדט. זיי האָבן איבערגעשאַצט די צאָל און די גייסטיגע אַנטוויקלונג פון דעם אַר־בעטער־קלאַס. זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער ארבעטער־קלאַס דאַרף נאָר האָבן דעמאָקראַטיע, אַלגעמיינע שטימרעכט, און ער וועט באַלד איבערנעמען אין זיינע הענט די מלוכה־מאַכט און וועט ענ־דערן די פאָרם פון דער געזעלשאַפט.

אָט די אַלע ריכטונגען, ווי פאַרשיידן זיי זיינען ניט געווען, האָבן אַלע איינגעשטימט אין איין זאַך. זיי האָבן אַלע גענומען דעם ארבעטער־קלאַס, ווי זיי האָבן אים געפונען. און זיי האָבן אויך אַלע געזוכט אַ מיטל באַלד צו „לייזן די סאָציאַלע פראַגע”, דאָס הייסט, אָפּשאַפן דעם עלנט און די קנעכטשאַפט פון די ארבעטס־

קלאסן. יעדע איינע פון די אלע ריכטונגען האט זייער שארף קריטיקירט אלע אנדערע. יעדע איינע האט קלאר איינגעזען די טעות'ן פון די אנדערע. און זיי זיינען אלע געווען גערעכט. די צייט האט אויף זיי אלעמען אנגעווענדט איר אייגענע שטרענגע קריטיק, און זיי זיינען באלד אלע פארשוואונדן.

דעמאלט זיינען געקומען מארקס און ענגעלס מיט זייער לערע, דעם אזוי־גערופענעם „דיאלעקטישן מאטעריאליזם". זיי האבן אין דעם סאציאליסטישן געדאנקען־גאנג אריינגעפירט די אידייע פון אנטוויקלונג. זיי האבן גענומען דעם ארבעטער־קלאס ניט ווי ער איז, נאר ווי ער ווערט, אין וואס ער אנטוויקלט זיך.

ארום דער צייט, ווען מארקס און ענגעלס האבן אנגעשריבן דעם „קאמוניסטישן מאניפעסט", האבן זיי איינגעזען, אז עס האלט נאך ניט אזוי וויט, אז די ארבעטער זאלן זיך אליין באפרייען, אפילו ניט דורך אלגעמיינע שטימרעכט. און פונקט אזוי וויניג קאנען זיי באפרייט ווערן דורך גוטהארציגע מענשן פון דער בורזשואזיע, אדער דורך אן איבערקערעניש, וואס א גרופע ענערגישע פארשווערער וועט מאכן.

אבער גלייכצייטיג האבן זיי איינגעזען, אז מיט דעם וואוקס פון דער אינדוסטריע וואקסט אויך אויס די צאל פון די ארבעטער, זיי אנטוויקלען זיך מערער גייסטיג און מאראליש,און זייערע ארגאניזאציעס ווערן שטארקער. און אזוי וואקסט אויס צווישן זיי די קראפט, וואס וועט זיי באפרייען. עס פארשטייט זיך, אז פאר אזא אויפגאבע מוזן זיי ערצויגן ווערן. אבער דאס קאן ניט געטאן ווערן פון מענשן, וואס צווינגען זיך ארויף אויפ'ן ארבעטער־קלאס, אלס זיינע לערער. די נויטיגע ערציאונג וועלן די ארבעטער באקומען אין דער פראקטיק פון קלאסן־קאמף, וואס די פאהעלטעגישן צווינגען אויף זיי ארויף.

די ערציערישע ווירקונג פון דעם קלאסן־קאמף קאן זיין א געזיכערטע און שטארקערע, אויב ער אנטוויקלט זיך אויף א דעמאקראטישן פונדאמענט. די נויטיגע באדינגונגען זיינען: אלגעמיינע שול־בילדונג, אלגעמיינע, גלייכע וואלרעכט און פרייהייט פון ארגאניזאציע און פרעסע. א לאנגע צייט איידער אט די אלע רעכט ווערן פאר'ן ארבעטער־קלאס א מיטל איבערצונעמען די רעגירונג־מאכט, דינען זיי אים פאר אן ערציאונגס־מיטל, צו מאכן אים רייף ניט בלויז

איבערצונעמען די מאכט, נאָר צו האַלטן זי דערנאָך פעסט אין די הענט און דורך איר אויפבויען אַ נייע, העכערע געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג.

לויט דער מיינונג פון מאַרקס און ענגעלס, באַשטייט די אויפגאַבע פון סאָציאַליסטן ניט אין לייזן באַלד די „סאָציאַלע פראַגע" און איינפירן סאָציאַליזם, נאָר פריער פאַר אַלץ אין אונטערשטיצן דעם קלאַסן־קאַמף פון די אַרבעטער, אויפקלערן זיי וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, די מאַכט־פאַרהעלטנישן אין איר, די באַדינגונגען פון דער פּראָדוקציע, און אין שטאַרקן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

אַרויסגייענדיג פון אַזאַ שטאַנדפּונקט, האָבן מאַרקס און ענגעלס געשטרעבט צו פאַראייניגן אַלע גרופּן, וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין דעם באַפרייאונגס־קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס, אין איין געשלאָסענער מאַסן־פּאַרטיי. פאַר דער צייט פון מאַרקס און ענגעלס האָבן די פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע דענקער און פירער געהאַט יעדער איינער זיין אייגענע ערפינדונג, ווי אַזוי צו לייזן די „סאָציאַלע פראַגע", און זיי האָבן געקעמפט געגן אַלע אַנדערע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געגלויבט אין אַנדערע מיטלען. אויף אַזאַ אופן האָט דער סאָציאַליזם נאָר צושפּאַלטן די אַרבעטער רייען. מאַרקס און ענגעלס אָבער האָבן געזוכט די אַרבעטער צו פאַראייניגן, ניט בלויז צוצוגעבן צו די אַלע סאָציאַליסטישע קלייזלאַך און סעקטעס נאָך אַ נייע סעקטע, די מאַרקסיסטישע.

דאָס האָבן זיי באַטאָנט נאָך אין יאָר 1847, אין זייער „קאָמוניסטישן מאַניפעסט". וועגן זייערע אָנהענגער, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט אָנגערופן קאָמוניסטן, האָבן זיי ערקלערט: „די קאָמוניסטן זיינען ניט קיין באַזונדערע פּאַרטיי געגן די אַנדערע אַרבעטער פּאַרטייען". זיי האָבן נאָר פאַרלאַנגט פון זייערע אָנהענגער, אַז די אַרבעטער פּאַרטייען זאָלן קלאָר מאַכן פאַר די אַרבעטער־מאַסן דעם גאַנג און די אַלגעמיינע רעזולטאַטן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

און אין דעם זין האָבן זיי אויך געהאַנדלט, צום ביישפּיל, אין דעם ערשטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואו עס זיינען געווען זייער ווייניג מאַרקסיסטן, דערפאַר אָבער אַ סך אָנהענגער פון דעם אַנאַרכיסט פּרודאָן, פון דעם רעוואָלוציאָנערן פאַרשווערער בלאַנקי,

און אויך ענגלישע יוניאן פירער, וואָס האָבן גאָר ווייניג געוואוסט וועגן סאָציאַליזם.

מאַרקס איז געווען נעגן דיקאַטור אין דער פּאַרטיי.

מארקס און ענגעלס האָבן פארשטאַנען, ווי אזוי צו פאַרשמעלצן די סאָציאַליסטישע געדאַנקען־וועלט מיט דער ארבעטער־באוועגונג. אויף אזא איינהייט זיינען באַגרינדעט אַלע ארבעטער־פּאַרטייען פון אונזער צייט, וואָס זיינען אויפגעקומען אין דעם לעצטן פערטל פון פאָריגן יאָרהונדערט אויפ׳ן אָרט פון פארשיידענע סעקטעס און קלייזלאַך. אַלס ארבעטער פּאַרטייען, האָבן זיי געקעמפט פאַר די אינטערעסן פון דעם ארבעטער־קלאַס. אַלס סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָבן זיי דעם ארבעטער־קאַמף געפירט ווי א באַפריי־אונגס־קאַמף פון אַלע פארשקלאַפטע און עקספּלואַטירטע, ניט נאָר פון די לוין־ארבעטער אַליין.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען קעמפן ניט נאָר פאַר קירצערע ארבעטס־שטונדן און העכערע שכירות, פאַר ארבעטסלאָזיגקייט־אינ־שורענס און דעמאָקראַטישע פארוואַלטונג אין די פאַבריקן. זיי קעמפן אויך פאַר פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלאכקייט פון אַלע מענטשן, אָן אונטערשייד פון געשלעכט, רעליגיע אָדער אָפּשטאַמונג.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פארווירקלאכן די מארקסיסטישע אידייען אפילו דעמאָלט, ווען זיי שטרעבן ניט צו זיי באוואוסט־זיניג. זינט דעם סוף פון לעצטן יאָרהונדערט, איז אין אַלע לענדער, וואו עס איז פאַראַן אַן אנטוויקלטע אינדוסטריע (מיט אייניגע אויסנאַמען), האַלטן די מארקסיסטישע אידייען אין איין וואַקסן און זיגן.

אויך אין רוסלאַנד האָט געמוזט אויפקומען דער מארקסיזם און אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ארבעטער־פּאַרטיי, וואָס איז געבויט אויף דער מארקסיסטישער לערע. אָבער די צארישע רעגירונג האָט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מיט מארקסיסטישע אידייען געמאַכט אויסערגעווייגלאַכע שוועריגקייטן, נאָך גרעסערע, איידער פאַר די פריערדיגע סאָציאַליסטישע ריכטונגען.

אין רוסלאַנד איז די פארשפּרייטונג פון מארקסיסטישע אידייען געווען שטאַרק באַשרענקט, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס דאָס לאַנד איז געווען עקאָנאָמיש אָפּגעשטאַנען. א ברייט פארצווייגטע קאַפּי־

טאַליסטישע מאַסן־אינדוסטריע און צוזאַמען מיט דעם אַ צאָלרייכער אינדוסטריעלער אַרבעטער־קלאַס אין די גרויסע שטעט האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד ערשט שפּעטער. ניט קיין קלענערע שטערונג איז געווען דאָס, וואָס אין לאַנד איז ניט געווען קיין ברעקל דעמאָקראַטיע, און עס איז געווען אוממעגלאך וועלכע עס איז פּאַרטייאַרבעט, וועלכע עס איז אָפענע, געזעצלאַכע מאַסן־אָרגאַניזאַציע און פרייע פּרעסע.

אויסערדעם זיינען נאָך אין דעם אָפּגעשטאַנענעם רוסלאַנד צום סוף פון פאָריגן יאָרהונדערט געווען מער רעשטלאַך, איבערבלייבונגען פון אַן אוראַלטן דאָרף־קאָמוניזם, איידער ערגעץ אַנדערשוואו אין אייראָפּע. דאָס אַלץ האָט געפירט דערצו, אַז אין רוסלאַנד זאָל דער סאָציאַליסטישער געדאַנק לענגער גיין אויף די אַמאָליגע פּאַרמאַרקסיסטישע וועגן, איידער אין אייראָפּע. די רוסישע קעמפער פאַר פרייהייט און גלייכהייט האָבן איבערגענומען פון מערב־אייראָפּע סאָציאַליסטישע אידייען. עס איז אָבער געווען נאַטירליך, אַז ניט אין דער קליינער צאָל שטאָטישע אַרבעטער, נאָר אין דער אומגעהויערער מאַסע פּויערים זאָלן זיי אײַנזען די קראַפט, פון וועלכער עס וועט קומען די סאָציאַליסטישע ווידערגעבורט פון רוסלאַנד. די מערסטע רוסישע שטאָטישע אַרבעטער זיינען אַליין געקומען פון דאָרף און זיינען לויט זייער גאַנצער אַרט דענקען און פילן נאָך געווען הונדערט־פּראָצענטיגע פּויערים. און אין דאָרף איז מען נאָך דערצו געווען ווייטער פון דער פּאָליציי, און מ׳האָט דאָ געקאָנט לייכטער פירן פּראָפּאַגאַנדע.

די אַרבעטס־מאַסן אין שטאָט און דאָרף און די קעמפער פאַר זייערע אינטערעסן צווישן דער אינטעליגענץ, די סטודענטן, זיינען אַ סך מער געווען דורכגעדרונגען מיט אידייען פון אַ פּויערשן סאָציאַליזם, איידער מיט׳ן מאַרקסיזם. דער מאַרקסיזם איז אין רוסלאַנד אויפגעקומען שפּעטער, איידער אין מערב־אייראָפּע, און לאַנגזאַם האָט ער זיך פאַרשפּרייט און שווער איז אים אָנגעקומען צו קריגן אַן איינפלוס אויף די שטאָטישע אַרבעטער און סטודענטן.

ערשט אין יאָר 1898 זיינען די רוסישע מאַרקסיסטישע גרופּן שוין געווען גענוג צאָלרייך, אַז מ׳זאָל קאָנען צוטרעטן צו דער גרינדונג פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

די פאַרטיי איז טאַקע געווען דורך און דורך מאַרקסיסטיש און האָט אַרויסגעבראַכט שריפטשטעלער און פאָרשער, וואָס האָבן באַרייכערט די מאַרקסיסטישע געדאַנקען־וועלט ניט בלויז אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין דער גאַנצער וועלט.

אָבער די באַזונדערע פאַרהעלטנישן אין רוסלאַנד זיינען ניט געווען גינסטיג פאַר אַן אויסגעהאַלטענער מאַרקסיסטישער ריכטונג. אויך אין דייטשלאַנד איז אַזאַ ריכטונג געקומען ערשט דעמאָלט, ווען די גרויס־אינדוסטריע איז געווען הויך אַנטוויקלט, און די קאָנסטיטוציע פון לאַנד האָט געגעבן אַ מעגלאַכקייט אָנצופירן גרויסע פרייע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, צו שאַפן אַ סאָציאַליסטישע מאַסן־ליטעראַטור, און די אַרבעטער־מאַסן האָבן געקאָנט פריי פירן סטרייקס און וואַל־קאַמפן.

אפילו נאָך דער גרינדונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, זיינען די אינדוסטריעלע אַרבעטער אין רוסלאַנד נאָך געווען קליין אין צאָל, און זיי האָבן זיך נאָך מערסטנס געפילט אַלס פויערים, אָן אַן אייגענעם ריכטיגן אַרבעטער־באַוואוסטזיין. דערצו האָבן אַרבעטער־צייטונגען און אָרגאַניזאַציעס געקאָנט עקזיסטירן נאָר אין געהיים און זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט זיך ברייט פאַרשפּרייטן. אָט די באַדינגונגען האָבן שטאַרק געשטערט דער פאַרשפּרייטונג פון מאַרקסיסטישע געדאַנקען. אפילו אַ סך מענשן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר מאַרקסיסטן, וואָס האָבן אָפטמאָל פאַנאַטיש געקעמפט פאַר'ן מאַרקסיזם, האָבן זיך אומבאַוואוסטזיניג אַרויסגעכאַפּט מיט געדאַנקען פון די צייטן, וואָס פאַר מאַרקס'ן, געדאַנקען פון דעם אַמאָליגן פאַרשווערער בלאַנקי, אָדער פון דעם אַנאַרכיסט באַקונין.

דער באַדייטענדסטער פון אַזעלכע מאַרקסיסטן איז געווען וולאַדימיר אוליאַנאָוו, וועלכער איז אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג געווען מער באַקאַנט אונטער'ן נאָמען לענין. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי באַלד ווי זי האָט זיך געגרינדעט. ער האָט איינגעשטימט מיט איר פּראָגראַם, ער האָט די פּראָגראַם אַליין געהאָלפן אויסאַרבעטן. וואָס עס האָט אים צוערשט געבראַכט צו אַ סכסוך מיט זיינע פאַרטיי־חברים, די אויסגעהאַלטענע מאַרקסיסטן — איז געווען די פראַגע וועגן דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

אונטער די באדינגונגען פון צארישן רוסלאנד, האט די פאר־טיי ארגאניזאציע געמוזט זיין א געהיימע. דאך האט זי געדארפט האבן אזא פארם, וואס זאל געבן אירע מיטגלידער די גרעסטע מעגלאכקייט צו אנטוויקלען זייערע גייסטיגע קרעפטן און זאל קא־נען אנרעגן די ברייטע ארבעטער מאסן צו דענקען זעלבסטשטענדיג. דאס האט מען געקאנט דערגרייכן נאר דעמאלט, ווען אלע מיטגלידער וואלטן גענומען דעם נאענטסטן אנטייל אין דער פארטיי־ארבעט און וואלטן געשטאנען אין דער נאענטסטער בארירונג מיט דער אר־בעטער באוועגונג. מיט אנדערע ווערטער, — ביי דער ברייטסטער דעמאקראטיע אין דער פארטיי.

דאס האט דורכאוים געשטימט מיט די געדאנקען פון מארקס, פאר וועמען די דעמאקראטיע איז אין אנהויב פון דער באוועגונג געווען ניט אזוי א מיטל צו געווינען פאליטישע מאכט, ווי א מיטל צו ערציען די מאסן.

דער „קאמוניסטן־בונד", אין וועלכן מארקס און ענגעלס זיינען אריינגעטראטן אין יאר 1847, האט, ביי די דעמאלטיגע באדינגונגען אין אייראפע, געמוזט זיין א געהיימער. ער איז טאקע אין אנ־הויב געווען אן ארגאניזאציע פון פארשווערונג. א פארשווערונג מוז האבן דיקטאטארישע מאכט פון די פירער איבער די מיט־גלידער. דאס האבן אונזערע גרויסע סאציאליסטישע לערער ניט געוואלט. זיי זיינען אריין אין „קאמוניסטן־בונד" ערשט דעמאלט, ווען ער האט אויפגעהערט צו זיין אן ארגאניזאציע פון פארשווע־רונג, כאטש ער האט געמוזט בלייבן געהיים, ווייל עס איז דעמאלט ניט געווען קיין פרייהייט פון פאראיינען. שפעטער האט ענגעלס אט וואס געשריבן וועגן יענעם פאראיין: „די ארגאניזאציע אליין איז געווען דורכאוים דעמאקראטיש, מיט געוויילטע באאמטע, וועל־כע מ'האט שטענדיג געקאנט באזייטיגן, און דאס האט געמאכט אוממעגלאך וועלכע עס איז קאנספיראציעס, פארשווערונגען, אדער פלענער איינצופירן אין דער ארגאניזאציע א דיקטאטור".

פונקט ווי דער „קאמוניסטן־בונד", אזוי האט אויך זיין נאכ־פאלגער, דער ערשטער סאציאליסטישער אינטערנאציאנאל, וואס איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1864, געמוזט אין פארשיידענע לענדער זיין געהיים. אבער ווען דער איטאליענישער רעוואלוציא־

נער מאדזיני האָט געוואָלט, מ'זאָל דעם אינטערנאַציאָנאַל אָרגאַניזירן ווי אַן אָרגאַניזאַציע פון פאַרשווערונג, מיט אַ דיקטאַטאָרישער פירערשאַפט, האָט מארקס ווידער געמוזט קעמפן געגן דעם, און מארקס האָט געזיגט. ניט דיקטאַטאָריש, נאָר דעמאָקראַטיש האָט מען אָרגאַניזירט דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל.

מארקס איז אויך געווען געגן דעם אופן, ווי מ'האָט אין 1863 אָרגאַניזירט אין דייטשלאַנד דעם „אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער פאַראיין", אין וועלכן פערדינאַנד לאַסאַל האָט באַקומען אַ דיקטאַטאָרישע מאַכט. די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אונטער דער פירערשאַפט פון בעבעל און ליבקנעכט געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1869 אין אייזענאַך, מיט וועלכער מארקס האָט איינגעשטימט, איז, אין געגנזאַץ צו לאַסאַל'ס „פאַראיין", אָרגאַניזירט געוואָרן דעמאָקראַטיש. די דיקטאַטאָרישע פאָרם פון אָרגאַניזאַציע איז גאַנץ שנעל פאַרשוואונדן. אין דייטשלאַנד איז די אַלגעמיין אָנגענומענע פאָרם פון אָרגאַניזאַציע געוואָרן די דעמאָקראַטישע פאָרם.

אָבער וואו די אָרגאַניזאַציע מוז זיין אַ געהיימע, און די מאַסע ווייזט ניט אַרויס קיין אייגענע באַוועגונג, און וואו מען באַטראַכט די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע ניט אַלס אַ מיטל צו ערציען דעם אַרבעטער־קלאַס צו זעלבסט־טעטיגקייט, נאָר אַלס אַ מיטל צו פאַרכאַפּן מיט איין קלאַפּ די פּאָליטישע מאַכט, — דאָרטן קומט שטענדיג אַרויף די באַדערפעניש פון אַ פאַרשווערונג מיט אַן אומבאַשרענקטער דיקטאַטור פון דעם פירער און דער בלינדער געהאָרכזאַמקייט פון די מיטגלידער. אויף דעם ערשטן פּלאַן איז דאָ ניט דער קלאַסנקאַמף פון די אַרבעטער, נאָר דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד. און צוזאַמען מיט דעם רייסט זיך אין דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אַריין אַ מיליטאַריסטישער געדאַנקען־גאַנג. מ'האָט אין זינען ניט די גייסטיגע אַנטוויקלונג און עקאָנאָמישע געווינסן פון די מאַסן, נאָר דעם זיג אין בירגער־קריג, וואָס דאַרף קומען. אויף די מאַסן נעמט מען קוקן ווי אויף קאַנאָנען־פלייש. וואָס גרייטער זיי וועלן זיין צו געהאָרכן אָן אייגענעם פאַרשטאַנד און ווילן, אַלץ לייכטער וועט מען איבער זיי קאָנען קאָמאַנדעווען.

די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז אָרגאַ־

ניזירט געוואָרן דעמאָקראַטיש, און איינקלאַנג מיט׳ן מאַרקסיסטישן געדאַנק. אָבער לענין האָט באַלד אַנטדעקט אין דעם אַ פעלער. ער האָט באַלד אָנגעהויבן פאָדערן מער אויטאָריטעט, מער מאַכט פאַר דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי און אַ באַשרענקונג פון די רעכט פון מיטגליד.

ניט נאָר די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן אַקסלראָד, וועראַ זאַסוליטש, פּאָטרעסאָוו, מאַרטאָוו און שפּעטער אויך פּלעכאַנאָוו זיינען אַרויסגעטראָטן געגן אים. אַפילו ראָזאַ לוקסעמבורג, וואָס איז אין אַנדערע פראַגן געווען גענויגט צו לענינ׳ען, האָט אויך ניט געקענט שלום מאַכן מיט דער דיקטאַטור, וואָס לענין האָט געוואָלט איינפירן אין דער פאַרטיי. און ראָזאַ לוקסעמבורג האָט אָנגעוויזן אויף דעם תוך פון לענינים שוין דעמאָלט, ווען ער האָט זיך צוערשט באַוויזן. קיין וואונדער ניט, וואָס סטאַלין האָט לעצטנס אַוועקגעשטעלט ראָזאַ לוקסעמבורג אין דעם צעטל פון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן.

לענין האָט געפאָדערט, אַז איבער דער אַרבעטער־באַוועגונג זאָל הערשן די פאַרשווערער־גרופּע פון די פּראָפעסיאָנעלע רעוואָ־לוציאָנערן, אָנגעפירט פון אַ דיקטאַטור. דאָס קאָן ווערן אַן אויס־געצייכנטער מיטל פאַר דעם דיקטאַטאָר צו באַקומען די מאַכט אין דער באַוועגונג.

שוין אין יאָר 1904 האָט ראָזאַ לוקסעמבורג זיך אַרומגעזען, אַז די דיקטאַטור אין דער פאַרטיי קאָן נאָר באַגרעניצן און שטערן דעם גייסטיגן וואוקס פון דער אַרבעטער־מאַסע. און גראָד ביים אָנהויב פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווען עס איז פאַראַן די איינ־ציגע מעגלאַכקייט פאַר אַ פּריווילעגירטן אַנערקענטער דיקטאַטור פון אַ פירער, גראַד דעמאָלט איז די ערציאונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס צו דענקען און האַנדלען — אַ סך וויכטיגער, איידער די מאַכט פון דעם פירער.

ראָזאַ לוקסעמבורג האָט שוין מיט אַרום דרייסיג יאָר צוריק איינגעזען, אַז דער לענינים באַגרעניצט די העכערע אַנטוויקלונג פון אַרבעטער־קלאַס. זי האָט נאָך דעמאָלט, נאַטירלאַך, ניט גע־קאָנט פאָראויסזען אַלע אַנדערע פאַרדאַרבנדע ווירקונגען, וואָס זיינען אין לענינים פאַרבאָרגן.

דיקטאַטור מוז פירן צו שפּאַלטונגען.

מ'האָט שוין אָבער אין יענער צייט, ביים אָנהויב פון דעם לעניניזם, געקאָנט לייכט באמערקן אין אים נאָך זייער שעדלאכע איינגנשאַפטן.

דער דיקטאַטאָר איז ווי דער גאָט פון די, וואָס גלויבן אין אין איינציגן גאָט—א העכסט אייפערזיכטיגער גאָט. ער דערלאָזט ניט קיין אַנדער גאָט לעבן זיך. לענין איז אויך געווען אַזאַ מין גאָט אין דער פּאַרטיי, און מ'האָט געמוזט גלויבן אין זיין געטלאכע אומפעלבאַרקייט, אַז ער קאָן קיינמאָל קיין טעות ניט מאַכן. וועמ עס האָט אין דעם ניט אַזוי שטאַרק געגלויבט, אויף יענעם האָט ער אויסגעגאָסן זיין פלאַמענדיגן צאָרן.

לענין האָט ערקלערט, אַז דער גאַנצער ארבעטער-קלאַס מוז אָן אייגענעם ווילן, אָן טענות פאָלגן זיין פירער. אויב עמיצער פון דעם ארבעטער-קלאַס האָט ארויסגעוויזן מער צוטרוי צו אַן אַנדער פירער, אָדער ער האָט גאָר געהאַט אַן אייגענע מיינונג, האָט אים לענין באַטראַכט פאַר דעם ערגסטן שונא, וועמען מען מוז באַקעמפן מיט אַלע מיטלען, אפילו מיט די שמוציגסטע, אויב דאָס קאָן נאָר באַלד ברענגען ערפאָלג.

צוליב דעם איז פאַר לענינ'ען, ווי פאַר יעדן אַנדערן, וואָס וויל זיין אַ דיקטאַטאָר אין דער פּאַרטיי, געוואָרן אוממעגלאך צו ארבעטן צוזאַמען מיט אַנדערע, וואָס דענקען אַמאָל אַנדערש, ווי ער. עס איז אים געוואָרן איבערהויפּט אוממעגלאך צו ארבעטן לאַנג צוזאַמען מיט מענשן, וואָס האָבן כאַראַקטער און דענקען זעלבסטשטענדיג.

וואו די דיקטאַטור כאַפּט זיך אריין אין דער פּאַרטיי, פירט זי צו אַ גייסטיגער פאַראָרימונג. זי מאַכט צונישט און דריקט אַראָפּ אַלץ נידעריגער אַלע גייסטיגע קרעפטן אין דער פּאַרטיי, אָדער זי שליסט זיי פון דער פּאַרטיי אויס.

נאָך ערגער אָבער ווירקט די דיקטאַטור אין דער פּאַרטיי מיט דעם, וואָס זי מאַכט אוממעגלאך צו פאַראייניגן אַלע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, וואָס ווילן זיך באַטייליגן אין דעם קלאַסנקאַמף פון דעם ארבעטער-קלאַס.

מאַרקס האָט אונז געלערנט, און די ביטערע ערפאַרונג האָט

דאָס פיל מאָל באשטעטיגט, אז די שפּאַלטונג פון פּארטיי־אָרגאַניזאציעס איז די גרעסטע שטערונג פאר דער ארבעטער־באוועגונג. נאָר דורך איינינקייט קאָן דער ארבעטער־קלאַס גיין פאָרווערטס. דיקטאטור מוז אָבער פירן צו שפּאַלטונגען.

געוויס איז דיקטאטור ניט די איינציגע אורזאַך פון שפּאַלטונגען אין די סאָציאַליסטישע פארטייען. ביי באזונדערע אומשטענדן קאָנען ארויפקומען אזעלכע טיפע מיינונגס־פארשיידנהייטען, אין טאקטישע אָדער אָרגאניזאציאָנעלע פראגן, אז א שפּאַלטונג קאָן ניט אויסגעמידן ווערן. אָבער מען פילט דאָס אלע מאָל ווי א שרעקלאכן אומגליק, און מען שטרעבט אָפּצואווישן די שפּאַלטונג, ווי נאָר עס פארשווינדט די אורזאַך, וואָס האָט צו איר געפירט.

אָבער די דיקטאטור אין דער פארטיי גייט פון אָנהויב אָן ארויס פון א שפּאַלטונג, וואָרום שפּאַלטונג ליגט אין איר תוך. ניט נאָר וועט דער דיקטאטאָר ניט וועלן דערלאָזן, אז זיין אָרגאניזאציע זאָל זיך פארבינדן מיט אנדערע זעלבסטשטענדיגע ארבייטער־אָרגאַניזאציעס אין א העכערער קערפּערשאפט; עס פאַלט אים גאָר ניט איין אפילו מיטצואַרבעטן מיט אנדערע סאָציאַליסטישע פּארטייען, — וויינינגסטנס, אין געוויסע וויכטיגע מאָמענטן, ווען דאָס איז אבסאָלוט נויטיג אין קאַמף מיט די געגנער פון ארבעטער־קלאַס.

ווי נאָר דער לעניניזם האָט זיך אָנגעהויבן אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראטישער פּארטיי, האָט ער באַלד געבראַכט צו א שפּאַלטונג אויף „באָלשעוויקעס" און „מענשעוויקעס". צוליב דעם איז אונזער רוסישע שוועסטער־פּארטיי שוין אין יאָר 1905, ביי דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, געווען א צושפּאַלטענע. דאָס האָט אין יענער וויכטיגער, אנטשיידנדער צייט אָפּגעשוואַכט די קרעפטן פון דער פּארטיי און האָט דעם רוסישן ארבעטער־קלאַס געבראַכט אומגעהויערן שאָדן.

שוין פאר דער רעוואָלוציע פון יאָר 1917 אין רוסלאַנד, האָבן זיך קלאָר ארויסגעוויזן די רעזולטאַטן פון לענינ'ס דיקטאטור אין דער פּארטיי. זי האָט געבראַכט צו א פּאַראַלימונג פון דער פּאַרטיי. זי איז געוואָרן א שטערונג פאר דער גייסטיגער אנטוויקלונג פון די ארבעטער, און דורך דער דויערענדער שפּאַלטונג אין די ארבעטער רייען האָט זי אָפּגעשוואַכט די קרעפטן פון די ארבעטער. דאָס אלץ האָט געבראַכט א גרינדלאכע פארענדערונג פון אלע

געזעלשאַפטלאַכע און פּאָליטישע פאַרהעלטנישן אין רוסלאַנד. וואָס פאַר אַ פאָרמען האָט דע לעניניזם אָנגענומען, ווען ער איז געוואָרן די הערשנדע מאַכט אין רוסלאַנד?

די דיקטאַטור אין דעם לעבן פון לאַנד.

די רוסישע רעוואָלוציע פון מערץ 1917, איז אויסגעבראָכן אונטער אומשטענדן, וואָס זיינען געווען זייער גינסטיג פאַר די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, כאָטש ניט אַזוי גינסטיג פאַר׳ן סאָציאַליזם. די צאַרישע רעגירונגס-מאַשין איז דעמאָלט געווען פולשטענדיג צוזאַמענגעבראָכן. דער פּריצים-קלאַס איז געווען פּאָליטיש און געזעלשאַפטלאַך מאַכטלאָז און הילפלאָז. דער קאַפּיטאַל אין דער רוסישער אינדוסטריע איז געווען הויפּטזעכלאַך אַן אויסלענדישער, און די אמת-רוסישע קאַפּיטאַליסטן זיינען געווען מאַכטלאָז.

פאַרקערט, דער אַרבעטער-קלאַס און די אינטעליגענץ, צוזאַמען מיט די פּויערים, זיינען דעמאָלט אין רוסלאַנד געווען אַלמעכטיג. און צווישן זיי האָבן געהאַט די אויבערהאַנד די סאָציאַליסטן. צווישן די פויערים איז געווען מער איינפלוסרייך די פּאַרטיי סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, און צווישן די אַרבעטער און אינטעליגענטן — די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, סיי מענשעוויקעס און סיי באָלשעוויקעס.

די סאָציאַליסטן האָבן באַהערשט די מלוכה. לויט ווי רוסלאַנד און אירע אַרבעטנדע קלאַסן זיינען געווען ווייניג אַנטוויקלט, האָבן דעמאָלט די רוסישע סאָציאַליסטן געקאָנט אויפטאָן פאַר די אַרבעטס-מאַסן זייער פיל. מ׳האָט געקאָנט שטאַרק אויפהויבן זייער באַוואוסטזיין, זייער גייסטיגן צושטאַנד און צוגרייטן זיי צו באַהערשן די אינדוסטריע. אָבער דאָס האָט געקאָנט געשען אונטער צוויי באַדינגונגען. ערשטנס, האָבן די דעמאָקראַטישע פרייהייטן, וואָס מ׳האָט געוואָונען אין מערץ 1917, געמוזט בלייבן עקזיסטירן, כדי מ׳זאָל קאָנען אומגעשטערט אַנטוויקלען די אויפקלערונג און אָרגאַניזירונג פון די מאַסן, זייער זעלבסטשטענדיגע באַטייליגונג אין פּאָליטיק און אין עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד. צווייטנס, האָבן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיך געמוזט פאַרשטענדיגן וועגן אַ געמיינשאַפטלאַכער פּראָגראַם און פאַרבינדן זיך, כדי זייער פּראָגראַם ריכטיג און איינינג דורכצופירן.

אין אָט דעם גייסט האָבן טאַקע געהאַנדלט די סאָציאַליסטן־רע־וואָלוציאָנערן און די מענשעוויקעס, אָבער ניט די באָלשעוויקעס. לענין איז אין אַפּריל 1917 געקומען פון דער שווייץ קיין פּעטראָגראַד מיט דער פאַראויסבאַשטימטער כוונה צו ערקלערן קריג די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און זיי צוברעכן. דאָס איז ביי אים געווען ניט קיין צופעליגע שטימונג, נאָר עס איז געווען אַ רעזולטאַט פון זיין דיקטאַטור אין דער פּאַרטיי.

זיין דיקטאַטור אין דער פּאַרטיי איז געווען מער אַזיאַטיש, ווי אייראָפּעאיש. זי איז געווען גוט צוגעפּאַסט צו די באַדערפעניש און איינגעבאָרענע געפילן פון די אָפּגעשטאַנענסטע טיילן פון רו־סישן ארבעטער קלאַס. דעריבער איז זי, אונטער די דעמאָלדיגע אומגע־וויינלאַכע אומשטענדן, געוואָרן דער בעסטער מיטל צו צוברעכן די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פון פּויערים און ארבעטער, און אָן זיי, און אַפילו געגן זיי, פאַרכאַפּן די מאַכט. אָבער די מאַכט איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון דעם דיקטאַטאָר, ניט אין די הענט פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

אין דער וועלט־מלחמה זיינען די צאַרישע אַרמיי און רעגי־רונגס־מאַשין פולשטענדיג צופאַלן. עס איז אין לאַנד ניט געווען קיין שטרענגע אָרדנונג, קיין רעגירונגס־מאַכט. אין אַזאַ מאָמענט איז די שטרענג צענטראַליזירטע און דיקטאַטאָריש געפירטע באָל־שעוויסטישע פּאַרטיי געווען די ריכטיגע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געקאָנט פאַרכאַפּן די מאַכט. זי האָט דאָס געטאָן און האָט זיך גענומען אויפבויען אַ נייע אַרמיי און אַ נייע רעגירונגס־מאַשין פון טשינאָווניקעס (ביוראָקראַטן). זי האָט אויפגעשטעלט אַ נייע זעלבסטהערשאַפט און האָט אָפּגעשאַפט יעדע פרייהייט פון דענקען און האַנדלען אין דער מלוכה און אין דער געזעלשאַפט.

לענינ׳ס דיקטאַטור איבער דער פּאַרטיי האָט זיך איצט אויס־געשפּרייט און איז געוואָרן אַ דיקטאַטור איבער דער גאַנצער באַ־פעלקערונג פון לאַנד. מיט דעם האָט זיך אומגעהייער פאַרגרעסערט דער געגענזאַץ פון דעם באָלשעוויזם צו די אַנדערע סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען. אַפילו אין יאָר 1917 האָט לענין אויך, צוזאַ־מען מיט אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, געפאָדערט, מ׳זאָל דורך אַלגעמיינע וואַלרעכט איינרופן אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אויס־צואַרבעטן אַ קאָנסטיטוציע. און ביז׳ן יאָר 1917 האָט ער דעם

קאמף געגן אנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געקאָנט פירן נאָר מיט פּראָפּאַגאַנדע, מיט גייסטיגע וואָפן. דער אונטערשייד צווישן אים און אַנדערע סאָציאַליסטן איז באַשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס צווישן אַזעלכע „גייסטיגע וואָפן" האָט לענין אויך אריינגערעכנט געוויסנלאָזע ליגנס.

אַ סאָציאַליסט, וואָס שטרעבט אויפצוהויבן דעם ארבעטער־קלאַס גייסטיג אַזוי הויך, אַז ער זאָל זיך קאָנען אַליין באַפרייען, אַזא סאָציאַליסט מוז אין זיין פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט זיך האַלטן שטרענג אָן דעם אמת. אָבער ווער עס האַלט, אַז דער ארבעטער־קלאַס איז אומפעיאיג זיך אַליין צו באַפרייען, אַז די מאַסע קאָן נאָר זיין קאַנאָנען־פלייש אין קאַמף, אַז זי דאַרף נאָר בלינד, געהאָרכזאַם פאָלגן און פארשאַפן דעם דיקטאַטאָר די מאַכט — דער שרעקט זיך ניט אָפּ פאַר אַ ליגן, אויב דאָס וועט אויפהויבן דעם פּרעסטיזש, די פּאָפּולאַריטעט פון דעם דיקטאַטאָר און ארויסשטעלן אַנדערע זעלבסטשטענדיג־דענקענדע סאָציאַליסטן פאַר נישטיגע מענשעלאַך.

נאָך די וואַלן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט זיך ארויס־געשטעלט, אַז ניט די באָלשעוויקעס, נאָר די אַנדערע סאָציאַליסטן האָבן באַקומען די מערהייט. האָט לענין גאָרניט געטראַכט און האָט פאַנאַנדערגעטריבן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועלכע ער האָט אַליין ענערגיש געהאָלפן צונויפרופן. אויף די חורבות פון דע־מאָקראַטיע, פאַר וועלכער ער האָט ביז'ן יאָר 1917 געקעמפט, האָט ער איצט אויפגעשטעלט זיין מלוכה־מאַכט. ער האָט אויפגעבויט אַ נייע זעלבסט־הערשאַפט, אַ נייע מיליטאַריסטיש־ביוראָקראַטיש־פּאָליציייאישע רעגירונגס־מאַשין.

פריער האָט ער געגן די אַנדערע סאָציאַליסטן באַנוצט גע־וויסנלאָזע ליגנס. איצט, האָבנדיג אין אייגענע רעגירונגס־מאַשין, האָט ער געגן די אַנדערע סאָציאַליסטן באַקומען נאָך שטאַרקערע קאַמפּס־מיטלען. ער האָט איצט פאַרמאָגט אַלע אונטערדריקונגס־מיטלען, וואָס די צאַרישע רעגירונג פלעגט אָנווענדן, און צוזאַמען מיט דעם אויך די אונטערדריקונגס־מיטלען, וואָס קאַפּיטאַליסטן ווענדן אָן געגן זייערע אונגעהאָרכזאַמע לוין־שקלאַפן. וואָרום איבערנעמענדיג אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, די גאַנצע אינדוסטריע,

האָט ער באַנוצט די רעגירונגס־מאַכט אויפצושטעלן זיין מלוכה־קאַפּיטאַליזם, וועלכן מ׳וואָלט ריכטיגער געדאַרפט אָנרופן מלוכה־שקלאַפעריי.

קיין קאַפּיטאַליזם מאַכט ניט די ארבעטער אזוי אָפּהענגיג פון זיך, ווי דער צענטראַליזירטער מלוכה־קאַפּיטאַליזם אין א לאַנד, וואָס האָט ניט קיין ווירקזאַמע דעמאָקראַטיע. און קיין פּאָליטישע פּאָליציי איז ניט אזוי אַלמעכטיג און אזוי אומעטום אנוועזנד, ווי די „טשעקא״, אָדער „גע־פּע־או״ (באָלשעוויסטישע געהיים פּאָליציי). וואָרים די „טשעקא״ אָדער „גע־פּע־או״ איז איינגעאָרדענט געוואָרן פון מענשן, וואָס האָבן אַליין יאָרן־לאַנג געפירט א קאַמף געגן דער פּאָליטישער פּאָליציי פון דער צאַרישער רעגירונג. זיי האָבן גוט געוואוסט אַלע מעטאָדן פון דער צאַרישער פּאָליציי, אויך אַלע אירע שוואַכקייטן און פעלערן, און זיי האָבן געוואוסט ווי אזוי די דאָזיגע פעלערן אויסצובעסערן.

די אַלע אונטערדריקונגס־מיטלען וואָלט מען ניט געדאַרפט אָנווענדן, ווען לענין וואָלט אין יאָר 1917 זיך אנטשלאָסן צו פאַר־בינדן זיך מיט די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און מיט די מענ־שעוויקעס. הינטער די לעצטע צוויי פּאַרטייען איז געשטאַנען אַן אומגעהויערע מערהייט פון דער באַפעלקערונג, ווי דאָס האָבן באַ־וויזן די וואַלן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. אַלע אמת־פּראָגרע־סיווע ענדערונגען, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געוואָלט דורכפירן, זיינען אויך געווען אין די פּראָגראַמען פון די אַנדערע סאָציאַליסטי־שע פּאַרטייען און וואָלטן פון זיי דורכגעפירט געוואָרן, ווייל די באַפעלקערונג האָט זיי געגעבן די מאַכט דאָס צו טאָן.

די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און די מענשעוויקעס האָבן אויך געפּלאַנעוועט אָפּצונעמען די ערד ביי די לאַנד־אייגנטימער. די מענשעוויסטישע רעגירונג פון גרוזיע (אויף קאווקאַז) האָט דאָס טאַקע דורכגעפירט. אויסלערנען אַלעמען לייענען און שרייבן, דורכפירן א רעפאָרם אין הייראַטס־געזעצן, גרינדן אַנשטאַלטן פאַר׳ן וואוילזיין פון אַרבעטער, קינדער־היימען, קהל׳שע הייל־אַנשטאַלטן, פאַבריק־ראַטן (קאָונסילס), איינפירן אַרבעטער־שוץ און אינשור־רענס געגן אַרבעטסלאָזיגקייט, — די אַלע זאַכן, פון וועלכע מען מאַכט אין סאָוועט־רוסלאַנד אַזאַ וועזן, זיינען איינגעפירט געוואָרן

א סך בעסער און ווירקן א סך פולקומער אין קאפיטאליסטישע לענדער, וואו עס איז פאראן א שטארקע דעמאקראטיע און וואו די ארבעטער האבן א גרויסע, איינפלוסרייכע פארטיי. די סאציאליזאציע (איבערנעמען פריוואט אייגנטום אין די הענט פון דער מלוכה) פון דער גרויס־אינדוסטריע, אויף וויפיל דאס וואלט געווען עקאנאמיש נוצלאך, וואלט מען אויך געקאנט דורכפירן מיט דער מערהייט פון דער גרינדונגס־פארזאמלוג.

די אלע איינריכטונגען, מיט וועלכע די באלשעוויקעס שטאלצירן אזוי, און וואס געפעלן אזוי שטארק די אומוויסנדע אויסלענדישע טוריסטן, וואלט די מערהייט פון דער גרינדונגס־פארזאמלונג זיכער דורכגעפירט און זי וואלט עס דורכגעפירט א סך בעסער, איידער אונטער דער דיקטאטור, שוין צוליב דעם אליין, וואס דאס לאנד וואלט זיך געפונען אונטער בעסערע באדינגונגען. די אלע גוטע איינריכטונגען, וואס מ'האט אין רוסלאנד איינגעפירט פאר די מאסן, ליידן צוליב מאנגל אין מיטלען. מ'האט דאס אלץ איינגעפירט אין איילעניש, אן קיין שום צוגרייטונג און מ'האט דערביי באנוצט ברוטאלע געוואלד־מיטלען, אפילו דארטן, וואו מ'וואלט אן געוואלד־מיטלען א סך בעסער אויסגעקומען. א סך ארבעטנדע מענשן זיינען צוליב דעם געווארן פארביטערטע געגנער פון דער נייער ארדנונג, אין דער צייט ווען עס איז געווען מעגלאך און נויטיג צו האבן זייער מיטווירקונג, און זיי וואלטן מיטגעווירקט מיט פרייד.

ווי אפשטויסנד און איבעריג זיינען, צום ביישפיל, געווען די פארמען פון קאמף, וואס מ'האט אנגעווענדט אין סאוועט־רוסלאנד געגן רעליגיע! מ'זוכט ניט, אנשטאט רעליגיע, איינצופלאנצן אין מענשן וויסן, לערנען זיי צו דענקען זעלבסטשטענדיג און קריטיש. אזא זאך טויג ניט פאר א דיקטאטאר. אנשטאט דעם האט מען זיך גענומען באשימפן און באשמוצן אויף דעם גראבסטן אופן רעליגיעזע מנהגים און איינריכטונגען, וואס זיינען הייליג פאר א סך גלויביגע מענשן. אן א שום אורזאך באליידיגט מען און מ'פארביטערט אומשולדיגע פרומע מענשן, און גלייכצייטיג ערנידעריגט מען און מ'פארגרעבט די פריידענקער, צווינגענדיג זיי אנצופירן אזא מין געמיינע אנטי־רעליגיעזע פראפאגאנדע.

ווען די פאָלקס-ערוויילטע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג וואָלט דורכ-געפירט די נויטיגע געזעלשאַפטלאַכע רעפאָרמען, און ניט די באָל-שעוויקעס, וואָלט מען אין א גרויסער מאָס געקאָנט אויסמיידן אַלע שטערונגען.

הינטער דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג איז געשטאַנען אזא גע-וואַלטיגע מערהייט, אַז קיין איינער פון די צארישע גענעראַלן אפילו וואָלט ניט געוואגט זיך איר אַנטקעגנצושטעלן. און טאָ-מער וואָלט דאָס אימיצער פון זיי געפּרואווט טאָן, וואָלט ער ניט גע-פונען קיין נאָכפאָלגער. ערשט ווען לענין האָט די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג צוטריבן, האָבן די אַלע גענעראַלן באַקומען אַ מעכ-טיגע שטיצע ביי דער באַפעלקערונג און זיי האָבן זיך געקאָנט אַרויס-שטעלן אַלס פאַרמרעטער פון פאָלק.

ווען מ׳וואָלט ניט צוטריבן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וואָלט רוסלאַנד פאַרשפּאָרט צו האָבן דעם בירגער-קריג מיט אַלע זיינע שרעקן, גוואַלדטאַטן און פאַרוויסטונגען. דאָס לאַנד וואָלט דע-מאָלט געבליבן אַ סך רייכער און די געזעלשאַפטלאַכע רעפאָרמען וואָלטן אַ סך מער אויפגעהויבן די לעבנס-באַדינגונגען פון די אַרבעטענדע קלאַסן. און מ׳וואָלט איינגעשפּאָרט די אומגעהייערע אויסגאַבן אויפצוהאַלטן אַ ריזיגע מיליטער, טשינאָווניקעס און פּאָליציי צו אונטערדריקן די באַפעלקערונג. מ׳וואָלט זיי אַלע-מען באַשעפטיגט ביי נוצלאַכער אַרבעט, און מיט דעם וואָלט מען פאַרגרעסערט דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין.

מ׳וואָלט געקאָנט געבן די גרעסטע פרייהייט דער באַפעלקע-רונג, דער פּרעסע, פאַראיינען, פאַרזאַמלונגען און זעלבסטפאַר-וואַלטונג. ווי שנעל די מאַסן וואָלטן זיך אונטער אַזעלכע אומ-שטענדן אויפגעהויבן עקאָנאָמיש, פיזיש און גייסטיג! זיי וואָלטן גענומען זעלבסטשטענדיג דענקען. עס וואָלט געשאַפן געוואָרן אַ נעגנזייטיגער צוטרוי צווישן אַרבעטער, אינטעליגענטן און פּויערים. זיי וואָלטן שנעל רייף געוואָרן צו פירן סאָציאַליסטיש די פּראָ-דוקציע, דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון אַ לאַנד, וואו עס וואָלטן גע-הערשט פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלאַכקייט.

אָבער די אַלע וואונדערלאַכע מעגלאַכקייטן זיינען פאַרשוואונדן אין דעם טאָג, ווען לענין האָט געהייסן זיינע באוואָפנטע באַנדעס

מאכן א סוף צו דער גרינדונגס־פארזאמלונג — א סוף צו דעמאָ־קראַטיע, צו פרייהייט.

אמת, דאָס וואָס עס איז אַזוי לייכט געווען צו פארניכטן די גרינדונגס־פארזאמלונג, באווייזט, ווי ווייניג פּאָליטיש ערצויגן עס זיינען געווען יענע טיילען פון דער פאָלקס־מאסע, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין פּעטראָגראד. דאָס זיינען געווען אומווייסנדע סאָל־דאטן, וואָס האָבן געהאט נאָר איין וואונש — א באלדיגן סוף פון דער מלחמה, און זיי האָבן געמיינט, אַז לענינ׳ס דיקטאטור איז דער זיכערסטער וועג צו א שלום.

ניט דער צוטרוי פון דער מערהייט פון ארבעטער־קלאַס האָט דעם באָלשעוויזם געבראכט צו דער מאכט, נאָר דאָס וואָס דער קריג האָט זיך ארייננגעמישט אין דער רעוואָלוציע. און אַזוי ווי קיין צוטרוי פון ארבעטער־קלאַס האָט דער באָלשעוויזם ניט געהאט, האָט ער, פארכאפּנדיג די מאכט, געמוזט אָנווענדן טעראָר, כדי די מאכט איינצוהאלטן. און דעם טעראָר האַלט ער אָן ביז היינטיגן טאָג, און עס איז גאָר ניטאָ קיין אויסזיכט, אַז דער טעראָר זאָל שוואַ־כער ווערן.

מ׳זאָגט אונז אָפט, אַז טעראָר ליגט אין דעם סאמע תוך פון רעוואָלוציעס, אַז מיט זיידענע הענטשקעס ווערן קיין רעוואָלו־ציעס ניט געמאכט, אַז אַזוי איז דאָס אַלע מאָל געווען.

אָבער מאָדנע רעוואָלוציאָנערן זיינען די, וואָס האלטן, אַז אַזוי ווי עס איז געווען ביז איצט, אַזוי מוז זיין אויך היינט און אַלעמאָל. עס איז אָבער ניט אמת, אַז עס איז קיינמאָל ניט געווען קיין רעוואָלוציע אָן טעראָר. די גרויסע פראַנ־צויזישע רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1789, און דער טעראָר האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין סעפּטעמבער, 1792, אַלס רע־זולטאַט פון קריג. ניט די רעוואָלוציע, נאָר די מלחמה האָט געטריבן צו טעראָר און אויך צו דיקטאַטור. די רעוואָלוציע פירט צום טעראָר נאָר דאָרטן, וואו זי קעמפט מיט די מיטלען פון ביר־גער־קריג.

דאָס איז אין רוסלאַנד צום סוף פון יאָר 1917 ניט נויטיג געווען. די דעמאָקראַטיע איז געוואונען. די ארבעטער און די פּויערים האָבן געהערשט איבער׳ן לאַנד. די פאָדערונגען פון

די ארבעטער האָט מען געקאָנט געווינען אויף אַ דעמאָקראַטישן וועג, אויף ווי ווייט זיי האָבן געקאָנט זיך פאַראייניגן מיט די אינטערעסן פון די פויערים און לויט די מאַטעריעלע מיטלען וואָס זיינען דעמאָלט געווען.

אין אַ דעמאָקראַטישער מלוכה איז ניט נויטיג קיין שום ברוטאַלע געוואַלט, כּדי צו באַפעסטיגן די הערשאַפט פון דער אומגעהויערער מערהייט אין די אינטערעסן פון דערזעלביגער מערהייט.

ביי די וואַלן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן 36 מיליאָן שטימען. פון זיי זיינען גאַנצע 32 מיליאָן שטימען געווען פאַר די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און נאָר 4 מיליאָן — פאַר בורזשואַזע פּאַרטייען. פון „רעכטס", פון דער רעאַקציע, איז פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג קיין געפאַר ניט געווען. זי האָט ערפאָלגרייך געקאָנט דורכפירן איר ארבעט — אויפצולעבן דאָס לאַנד און עס צוגרייטן צום סאָציאַליזם.

אָבער די באָלשעוויקעס האָבן אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג געפונען איין גרויסן פעלער — וואָס זיי האָבן אין איר ניט געהאַט די מערהייט, אויף וועלכער זיי האָבן געהאָפט. די באָלשעוויקעס האָבן אין די וואַלן באַקומען 9 מיליאָן שטימען, און די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — 23 מיליאָן. דאָס איז געווען אַן אונערטרעגלאַכער צושטאַנד פאַר די בראַווע באָלשעוויקעס. אַלץ וואָס מ'האָט געקאָנט דורכפירן אין לאַנד, וואָלט די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג געקאָנט דורכפירן מיט מער סיסטעם און ערפאָלג, איידער דאָס האָבן געטאָן שפּעטער די זיגרייכע באָלשעוויקעס. אָבער די באָלשעוויקעס וואָלטן דערביי ניט געקענט דיקטירן פון אויבן אַראָפּ, נאָר זיי וואָלטן געמוזט מיטאַרבעטן, אַלס גלייכבאַרעכטיגטע שותּפים מיט די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

האָבן זיך די באָלשעוויקעס געשטעלט אַנטקעגן, און אויסנוצנדיג אַ גינסטיגע געלעגנהייט, האָבן זיי, מיט דער הילף פון אומוויסנדע מאַטראָזן, די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג צוטריבן. דער קלאַפּ איז געווען געווענדעט ניט געגן אַ צאַרישער, אָדער פּריצישער, אָדער בורזשואַזער, אָדער וועלכער עס איז אַנדערער קאָנטער־רעוואָלוציע, נאָר געגן די אַנדערע ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע פּאַרטייען,

וואָס זיינען געוועזן ערפּאָלגרייכער פון די באָלשעוויקעס און האָבן געוואונען אויף זייער זייט מער אַרבעטער און פויערים.

דעריבער האָבן די באָלשעוויקעס אָפּגעשאַפט אַלע דעמאָקראַטי־שע פרייהייטן און האָבן איינגעפירט דעם טעראָר. דאָס איז געווען אַן אומפאַרמיידלאַכער רעזולטאַט פון דער הערשאַפט פון אַ מינ־דערהייט איבער דער גרויסער מערהייט פון פאָלק. דעריבער איז דער טעראָר געבליבן אַ נויטיגער מיטל פאַר די באָלשעוויקעס ניט בלויז אין בירגער־קריג, נאָר אויך אין די שפּעטערדיגע צען יאָר פון פרידן אין לאַנד. דער טעראָר איז פאַר זיי אַ מיטל ניט צו ווערן זיך געגן אַ קאָנטר־רעוואָלוציע, נאָר צו אונטערדריקן און פאַר־ניכטן יעדן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער אָדער פויער, וואָס וויל זיך ניט געהאָרכזאַם אונטערוואַרפן דעם קנוט פון די נייע רויטע צאַרן און זייערע קאָמוניסטישע קאַזאַקן.

אַזוי לאַנג ווי די רוסישע באָלשעוויקעס האָבן געפירט אַ קאַמף געגן דער צאַרישער רעגירונג, האָט די דיקטאַטור פון זייער פירער זיך פאַרשפּרייט נאָר אין דער אייגענער פּאַרטיי. דאָ האָט זי געפירט צו שפּאַלטונגען און האָט געשטערט דער גייסטי־גער אַנטוויקלונג פון די אייגענע פּאַרטיי־מיטגלידער.

ווען אָבער די באָלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט די רעגירונגס־מאַכט, איז זייער דיקטאַטור געוואָרן אַ מיטל געגן די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין לאַנד, אָבער שוין ניט זיי צו שפּאַלטן, נאָר פולשטענדיג צו פאַרניכטן. און דאָס, וואָס זיי האָבן גע־שטערט דער גייסטיגער אַנטוויקלונג, האָט זיך איצט פאַרשפּרייט ניט נאָר אויף דער אייגענער פּאַרטיי און זייערע נאָענטע קרייזן, נאָר אויף דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק.

דערצו האָבן זיי נאָך געבראַכט שרעקלאַכע שטערונגען פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד, וואָס האָט זיך געזאָלט פאַנאַנדערבליען מיט דער באַפרייאונג פון די פאָלקס־קרעפטן נאָך דער רעוואָלוציע פון מערץ, 1917 און נאָך דעם סוף פון דער מלחמה. אומזיסט האָבן די באָלשעוויקעס שפּעטער געזוכט צו באַזייטיגן די דאָזיגע שטערונגען. צוערשט האָבן זיי דאָס געפּרואווט טאָן דורכ'ן „נעפּ" („נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק", וואָס לענין האָט אין יאָר 1921 איינגעפירט, ערלויבנדיג פּריוואַטע אונטערנעמונגען

און איינשטעלענדיג א מער ליבעראַלע באַציאונג צו די פּויערים). דאָס האָט געהאָלפן נאָר אויף א קורצער ווײַלע. האָבן זיי דעריבער דערנאָך אויפגענומען דעם „פינף יאָר פּלאַן" (א פּלאַן אויפצו־בויען אין רוסלאַנד א גרויסע אינדוסטריע אין פאַרלויף פון פינף יאָר).

דער פינף יאָר פּלאַן.

אָבער אויך דער פינף יאָר פּלאַן וועט מוזן דורכפאַלן, ניט קוקנדיג אויף איניגע גוטע אויסערלאַכע רעזולטאַטן. דער וואָס קוקט אביסעל טיפער, און פאַר וועמען מענשן זיינען וויכטיגער פון געביידעס, דער זעט, אַז דער פינף יאָר פּלאַן ברענגט נאָר עקאָ־נאָמיע פון שטיין און שטאָל, אָבער ער נעמט ניט אין אַכט די עקאָ־נאָמיע פון מענשן. וואָס מער מ'בויט אויף נייע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, אַלץ מער באַרויבט מען די מענשלאַכע אַרבעטס־קראַפט. וואָס העכער עס וואַקסן אוים איניגע פאַבריקן, אַלץ טיפער זינקען די מענשן אַרונטער אין א לעבן פון שמוץ און הונגער.

די באָלשעוויקעס האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז די אינטעלי־גענץ געהערט צום אַרבעטער־קלאַס. דער אַרבעטער־קלאַס קען זיך ניט באַפרייען און אויפהויבן צו א העכערער אָרדנונג אין דער אינדוסטריע, אויב א גרויסע צאָל פעיאיגע און גוט געשולטע אינטעליגענטן גיבן אים ניט זייער האַרציגע מיטווירקונג. א ווירקזאַמע פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם צווישן אינטעליגענטן איז א נויטיגע פאַרבאַדינגונג פאַר א זיג פון סאָציאַליזם.

דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־גאַנג פון די באָלשעוויקעס איז געווען אַזוי פאַרעלטערט און גראָב, אַז זיי האָבן דאָס ניט פאַרשטאַנען. זיי האָבן געפּרעדיגט די תורה פון „פאַרמאַזאָליעטע אַרבעטער הענט". די אינטעליגענטן, וועלכע האָבן ניט געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָבן זיי באַטראַכט ווי „בור־זשויעס", צוגלייך מיט קאַפּיטאַליסטן, און האָבן ביי זיי צוגענומען אַלע רעכט.

אָבער די קאָמוניסטן האָבן זיך באַלד אַרומגעזען, אַז זיי האָבן אין די אייגענע רייען צו ווייניג קרעפטן, וואָס זיינען פעיאיג צו פירן

א פאבריק. זיי האָבן די פאבריקן געמוזט איבערגעבן אין די הענט פון „קלאַסנפיינד" (ספּעצן), וועלכע האָבן געמוזט אַרבעטן אונ־טער אַ שטענדיגן פאַרדאַכט און אַן אייביגן קאָנטראָל פון אומ־פּיאיגע, אָבער שטרענג־קאָמוניסטישע קאָמיסאַרן. און ביי יעדן דורכפאַל האָט מען די ספּעצן געמאַכט פאַר׳ן שעיר לעזאזל, אויף זיי געוואָרפן די גאַנצע שולד.

און ביי די שרעקלאַכע באַדינגונגען וואָס האָבן געהערשט אַרום דער אינדוסטריע און אין לאַנד, זיינען אַזעלכע דורכפאַלן געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ מער. די פירער פון דער סאָוועטישער אינדוסטריע זיינען אונטער זייערע קאָמוניסטישע אויבערהאַרן גע־וואָרן אַלץ שרעקעדיגער און הילפלאָזער.

דערצו איז נאָך געקומען דער מאַנגל אין געשולטע (סקילד) אַרבעטער. שוין אין די צאַרישע צייטן זיינען זיי געווען ניט פיל, צוליב דעם, וואָס עס האָבן געפעלט שולן. אין דער צייט פון קריג איז זייער צאָל געוואָרן נאָך קלענער, און קיין נייע אויף זייער אָרט זיינען אויך ניט צוגעקומען. די רעוואָלוציע האָט זייער צאָל נאָך ווייטער פאַרקלענערט, שוין אויף אַ נייעם שטייגער: אויב זיי זיינען געווען קאָמוניסטן אָדער „אומפּאַרטייאישע", האָט די באָלשעוויסטישע רעגירונג פון צווישן זיי גענומען בעאַמטע און קאָמיסאַרן פאַר די פאַרשידענע מלוכה־פאַרוואַלטונגען.

דאָס אַלץ האָט געשטערט דער אינדוסטריע. אָבער ערגער פון אַלץ האָט געווירקט די אומגעהויערע רעגירונגס־מאַשין, וועל־כע די דיקטאַטור האָט געמוזט אויפבויען, כדי צו קאָנען עקזיסטירן. אין דער דיקטאַטור האָבן אַלע אמטן אין דער אינדוסטריע געמוזט זיין אונטערגעוואָרפן דער אומגעהייערער רעגירונגס־מאַשין, וועלכע עס איז אוממעגליך געוואָרן צו קאָנטראָלירן. קיין עפענטלאַכע קריי־טיק האָט ניט געטאָרט זיין, האָט מען ענדלאַך געמוזט אָנהויבן קאָנטראָלירן די קאָנטראָליאָרן אַליין. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט געמוזט פירן צו לאַנגזאַמקייט, שטערונגען און אָפּגעפרעמד־קייט פון דער אַרומיגער וועלט, און דאָס האָט אָפּגעשוואַכט די קראַפט און פרייד פון דער אַרבעט. און מ׳פאַרשפּאַרט שוין צוצוגעבן, אַז אונטער אַזעלכע באַדינגונגען האָט זיך פאַרמערט קאָרופּציע, און דאָס האָט די לאַגע געמאַכט נאָך ערגער.

די ביוראָקראַטישע מאַשין, די טויזנטער טשינאָווניקעס, האָבן

אַלץ מער באַהערשט דאָס עקאָנאָמישע לעבן און עס ערגער געמאַכט. די באָלשעוויסטישע פירער האָבן דאָס געזען. מ׳האָט איינינגע בעאמטע זייער אָפּט דאָ און דאָרט באַשולדיגט אין די אייגענע ציטונגען. פון דאַנען נעמט זיך די סאָוועטישע „זעלבסטקריטיק”. אָבער דאָס אַלץ האָט צו גאָרנישט ניט געפירט. העכסטענס האָט מען ערגעץ וואו באַשטראָפט אימיצן. אָבער די סיסטעם פון ביוראָקראַטיש געפירטער מלוכה־ווירטשאַפט האָט געמוזט בלייבן, ווייל אויף דעם איז באַגרינדעט די דיקטאַטור.

מאַשינען און מענשן.

עס איז קיין ספק ניט, אַז מ׳האָט אונטער דעם „פינף־יאָר פּלאַן” א סך געשאַפן. נאַטירלאַך, ניט אזוי פיל ווי עס ווערט אָנגעגעבן אין די באַרימערייען איבער דער וועלט. און דאָס האָט אויך אַלץ געקאָסט טייערער, ווי מ׳האָט פון פריער אָפּגעשאַצט. און עס איז נאָר אַ פראַגע, ווי גוט די נייע פאַבריקן קאָנען ארבעטן. אָבער מ׳האָט דאָך אויפגעבויט הונדערטער פאַבריקן און זיי אויסגעשטאַט מיט די מאָדערנסטע מאַשינעס.

די אַלע ניי־אויפגעבויטע פאַבריקן ווייזט מען די טוריסטן און מ׳רופט ביי זיי אַרויס באַוואונדערונג. דאָס טוט מען אויך מיט אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע מ׳לאַדט איין צו קומען און זיך איבערצייגן, אַז די סאָוועט־רעגירונג איז קרעדיט־פייאיג. די קאַפּיטאַליסטן אינטערעסירן זיך פריער פון אַלץ מיט די מאַטעריעלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, און דאָס געפינען זיי אין דער בעסטער אָרדנונג.

אָבער גאַנץ אַנדערש קוקן אויף דעם מיר, סאָציאַליסטן. מיר אונטערשיידן זיך פון די קאַפּיטאַליסטן מיט דעם, וואָס מיר האַלטן, אַז די פּראָדוקציע איז פאַר די ארבעטער, און ניט די ארבעטער פאַר דער פּראָדוקציע, און די וויכטיגסטע און אנטשיידנסטע צווישן די פּראָדוקטיווע קרעפטן זיינען די מענשן אַליין.

מ׳קאָן אויסשטאַטן אַן ארמיי אויף דעם פולקומסטן אופן. אָבער ווען אירע סאָלדאַטן זיינען ניט דיסציפלינירט, צוריצט, פויל, טרוסן און ווערן געפירט פון נאַרישע קאָמאַנדירן, וועט אַזאַ ארמיי געשלאָגן ווערן פון אַ צווייטער ארמיי, וואָס איז ניט אזוי

גוט באוואפנט, אָבער דערפאר זיינען די סאָלדאטן באגייסטערט, פּרייווילליג גוט דיסציפּלינירט, בראוו, שטרענגען אָן די לעצטע כחות, און ווערן געפירט פון פארשטענדיגע אָפיצירן.

דאָס זעלבע איז אין דער פּראָדוקציע, אין דער אינדוסטריע. ווען די אַרבעטער לעבן אין באַדינגונגען, וואס מאכן זיי פאר־שטענדיג, ארבעטס־פריידיג, ווען זיי זיינען גוט געגערט און אויס־גערוט, געשיקט און געשולט (סקילד), קאָן מען מיט דיזעלביגע פּראָדוקציאָנס־מיטלען אויפטאָן צוויי מאָל און דריי מאָל אזוי פיל, ווי מיט טעמפּע, צורייצטע, איבערגעארבעטע, האלב־הונעריגע, אומ־געבילדעטע ארבעטער, וועלכע מ׳לאָזט ניט פריי דענקען. דער אונ־טערשייד ווערט נאָך גרעסער, ווען אויף איין זייט האָבן מיר אָנט־שלאָסענע, פייאיגע, פרייע פירער, און אויף דער אנדער זייט אָנגע־שראָקענע, אומוויסנדע, וועלכע מ׳שטערט אויף שריט און טריט.

דאָס ווייסן די קאפּיטאליסטן אזוי גוט, ווי מיר סאָציאליסטן, אָבער אין זייער פּראקטיק לייגן זיי אויף דעם ניט קיין אכט, ווייניגסטנס ווען עס האנדלט זיך ניט וועגן די אָנפירער, וועלכע פירן אויס זייער קאפּיטאליסטישע אויפגאַבע, נאָר וועגן די געוויינלאכע ארבעטער. אין דער פּראקטיק האלטן זיי זיך ביי דעם כלל, ווי מיט הונדערט יאר צוריק, אז וואָס נידעריגער דער ארבעטער איז ארונטערגעדריקט, אַלץ בעסער גייט די אינדוסטריע. אויב עס איז אין דער קאפּיטאליסטישער אינדוסטריע פאָרגעקומען א פארבעסע־רונג אין דער לאַגע פון די אַרבעטער, איז דאָס נאָר א דאנק דעם שטענדיגן קאמף פון דעם אינדוסטריעלן אַרבעטער־קלאַס פאר בע־סערע אַרבעטס און לעבנס־באַדינגונגען, געגן דעם איינגעשפּארטסטן ווידערשטאַנד פון די קאפּיטאליסטן.

אויך אין רוסלאַנד זיינען מיר פריער פאר אַלץ פאַראינטערע־סירט ניט אין די נייע פאבריקן און מאשינען, נאָר אין די מענשן. דאָ אָבער איז ניטאָ די מינדעסטע פארבעסערונג. די אַלע סיבות, וואָס האָבן געפירט צום דורכפאַל פון דעם „נעפּ", זיינען נאָך געבליבן: א מאנגל אין געשולטע אַרבעטער, רעכטלאָ־זיגקייט פון די טעכנישע אָנפירער, און פריער פאר אַלץ די ביוראָ־קראַטישע מאשין, די מאסן טשינאָווניקעס, וואָס זיינען די אויפ־זעער איבער דער אינדוסטריע און זיינען אליין אונטערגעוואָרפן דער דיקטאַטור.

אויסער דעם האָט דער פינף־יאר־פּלאַן געבראכט נאָך נייע צרות. די דורכפירונג פון פּלאַן האָט געפאָדערט אומגעהויערע מיטלען. וואו זאָל מען נעמען געלט? די קאפּיטאַליסטישע אינדוסטריע ברענגט אריין א „מער־ווערט״, וואָס דער ארבעטער באַשאפט און דער קאפּיטאַליסט נעמט צו ווי זיין פּראָפיט. דאָס ערלויבט די קאפּיטאַליסטן ניט בלויז רייך צו לעבן, אויפבויען דיזיגע ארמייען און פּלאַצן, נאָר אויך אָנצוזאַמלען קאפּיטאַלן, וואָס ווערן אריינגעלייגט אין דער אינדוסטריע. די סאָוועטישע אינדוסטריע אָבער איז פון איר לייזונג קוים אימשטאַנד צו באַצאָלן פאַר דער ארבעט און פאַר מאַטעריאַלן. די אויסגאַבן אויף דער ארמיי, פּאָליציי, טשינאָווניקעס, אויף די מלוכה־צייטונגען, אויף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט מען געמוזט ארויסדריקן פון די פּויערים.

פון וואַנען־זשע זאָל מען נעמען די ריזיגע מיטלען אויף דורכצופירן דעם פינף־יאָר־פּלאַן? דורך הלוואות ביי די קאפּיטאַליסטישע מלוכות פון דעם „פארפוילטן מערב״ (מערב־אייראָפּע)? דאָס האָט מען טאַקע געוואָלט, אָבער ניט קוקנדיג אויף אלע מעגלאכע קונצן האָבן די קרעדיטן ווייניג געגעבן. נאָר פון רוסלאַנד אַליין האָט מען געקאָנט נעמען די מיטלען פאַר דעם פינף־יאָר־פּלאַן.

עס איז פאַראַן נאָך איין וועג. ביי דער באַפעלקערונג, וואָס לעבט שוין אזוי אויך געגוג אין נויט, צווישן וועלכער עס זיינען קוים פאַראַן קאפּיטאַליסטן, נאָר ארבעטער, פּויערים, אינטעליגענטן, מוז מען ארונטערנעמען פון דעם, וואָס זיי ארבעטן אויס, ווי ווייט נאָר מען קאָן, אַז זיי זאָלן ניט שטאַרבן אין גאַס פון הונגער אָדער רעוואָלטירן. און אַלץ, וואס מען נעמט ביי זיי אַראָפּ, ווארפט מען ארויס אויפ׳ן וועלט־מארק און מ׳פארקויפט פאַר וועלכן פרייז מ׳קאָן. פאַר׳ן געלייזטן געלט קויפט מען ביי די אויסלענדישע קאפּיטאַליסטן די נויטיגע מאַשינערי.

עס איז באמת צו באַוואונדערן, וואָס פאַר א לעבנספייאיגקייט, אָבער אויך וואָס פאַר אַ שקלאַפישע געדולד דאָס רוסישע פאָלק ווייזט דערביי ארויס. אין דעם פּרט איז דער פינף־יאָר־פּלאַן געלונגען איבער אַלע ערוואַרטונגען. אויב דער אַמעריקאַנער שרייבער אַפּטאָן סינקלער פרייט זיך מיט דעם, מעג ער עס טאָן, אָבער דאָס רוסישע פאָלק איז דורכדעם טיף געשעדיגט געוואָרן ניט בלויז מאָראַליש, נאָר אויך איינפאַך אלס פּראָדוקטיווע קראַפט.

פרייהייט פאַר וועמען?

נו, זאָגט מען אונז, אז דאָס איז דער וועג פון סאָוועט־רוס־לאַנד: אַ ברוטאַלער דעספּאָטיזם, וואָס ערציט אָבער אין באַגייס־טערטן גלויבן אין די אידעאַלן פון סאָציאַליסטישער פרייהייט און גלייכהייט דעם אויפוואַקסענדן דור פון דעם צאָלרייכסטן פאָלק אין דער ווייסער ראַסע.

געוויס הייסט דער קאָמוניסטישער דעספּאָטיזם אזעלכע פראַזן לערנען אויף אויסווייניג אין די שולן. און אין די צייטונגען און אויף פאַרזאַמלונגען ריידן אויך אמאָל קאָמוניסטן אזוי, אָבער זייער אָפּט ריידן זיי פּונקט פאַרקערט. זיי לאַכן אָפּ פון דעמאָקראַטיע, פרייהייט און גלייכהייט, זיי פאַרלאַנגען פרייהייט נאָר פאַר זיך, פאַר די קאָמוניסטישע הערשער, און דערצו נאָך באַזונדערע פּריווילע־גיעס אין דער מלוכה. די דיקטאַטור אַליין איז דאָך דער בי־טערסטער חוזק פון פרייהייט און גלייכהייט. ווי אזוי זשע זאָל דער באַגייסטערטער גלויבן אין אזעלכע אידעאַלן ערצויגן ווערן ביים נייעם דור, וואָס וואַקסט אויס אין די באַדינגונגען פון דיק־טאַטור?

אויף דעם היינטיגן דור קאָמוניסטן, וואָס שטייען ביי דער רעגירונג, קוק איך אַביסל אנדערש. איינינגע פון זיי זיינען נאָך אפשר אידעאַליסטן. אָבער יעדער דעספּאָטיזם ערציט פּרינציפּנלאָזע מענשן, וואָס פּאַסן זיך צו צו די מעכטיגע; ערציט שפּיאָנען, מוסרים, קאַריערייסטן, וואָס קלערן נאָר וועגן זייערע נוצן. ווי אזוי קאָן מען פון אַזעלכע מענשן ערוואַרטן „די העכסטע אָפּפּערווילי־קייט פאַר אַ גרויסן מענשלאַכן אידעאַל?״ געוויס ריידן זיי אלע וועגן קרבנות. פּונקט ווי די דייטשע נאַציאָנאַליסטן, פאַרלאַנגען זיי אומגעהויערע קרבנות, אָבער נאָר פון אַנדערע, ניט פון זיך אַליין. זיי אַליין גייט גוט, אַזוי לאַנג ווי עס הערשט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

מיר וועלן שוין ניט ריידן וועגן דעם, ווי קליין עס איז די מינדערהייט קאָמוניסטן, וואָס ווילן ארויפצווינגען מיט געוואַלד אויף דער גרויסער מערהייט פון פאָלק, אויף 150 מיליאָן מענשן, „דעם וועג צו וואוילזיין״. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון רוסלאַנד האָט קוים צוויי מיליאָן מענשן. וויפיל פון זיי זיינען שפּיאָנען, מוסרים און קאַריערייסטן?

אַ מינדערהייט טאָר ניט באַהערשן אַ מערהייט.

דער סאָציאַליזם האָט ביז אַהער שטענדיג פאַרוואָרפן דעם געדאַנקען, אַז אַ מינדערהייט קאָן אויף די מאַסן אַרויפצווינגען אַן אמת'ע סאָציאַליסטישע אָרדנונג. שוין אין „קאָמוניסטישן מאַני־פעסט" פון מאַרקס און ענגעלס לייענען מיר וועגן דעם אָט וואָס:

„אַלע ביזאַהעריגע באַוועגונגען זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון מינדערהייטן אין די אינטערעסן פון מינדערהייטן. די פּראָלע־טאַרישע באַוועגונג איז די זעלבסטשטענדיגע באַוועגונג פון דער אומגעהויערער מערצאָל אין די אינטערעסן פון דער אומגעהויערער מערצאָל".

מאַרקס און ענגעלס האָבן דעמאָלט געמאַכט אַ טעות, אויף וויפיל זיי האָבן אָנגענומען, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז שוין די אומגעהויערע מערצאָל פון דער באַפעלקערונג. אָבער זיי האָבן זיך פעסט געהאַלטן אָן דער איבערצייגונג, אַז דער סאָציאַליזם קאָן קומען נאָר פון אַ זעלבסטשטענדיגער באַוועגונג פון דער אומגע־הויערער מערצאָל. אויף די סאָציאַליסטן פאַלט די אויפגאַבע אַזאַ באַוועגונג צו פירן. ווען די מערצאָל איז גלייכגילטיג אָדער געגנ־נעריש, מוזן די סאָציאַליסטן זען די מאַסן אויפצוקלערן און זיי גע־ווינען אויף זייער זייט, אָבער קיינמאָל ניט אַרויפצווינגען אויף זיי עפּעס מיט געוואַלט. נאָר ווען עקספּלואַטאַטאָרישע מינדער־הייטן ווענדן אָן געוואַלט געגן עקספּלואַטירטע מערהייטן, האַלטן מיר, סאָציאַליסטן, פאַר פּאַסיג אָנצוּוואָוענדן געוואַלט געגן אַזעלכע מינדערהייטן. אָבער קיינמאָל ווענדן מיר ניט אָן קיין געוואַלט געגן דער מערצאָל פון דער באַפעלקערונג, ווי רעאַקציאָנער זי זאָל ניט דענקען.

אונטער דער צאַרישער רעגירונג האָט דער רוסישער אַרביי־טער־קלאַס געהאַט ווייניג מעגלאַכקייטן פון פּאָליטישער און געזעל־שאַפטלאַכער טעטיגקייט. דאָך האָט אַ גרויסער טייל אַרבעטער גע־וואוסט, ווי צום בעסטן אויסצונוצן אָט די קנאַפּע מעגלאַכקייטן און אַלץ מער זיך אויפצוהויבן דורך אַ שווערן, אונערמידלאַכן קאַמף. ווען דער צאַריזם איז אין 1917 געפאַלן, האָט מען גע־

קאָנט ערוואַרטן, אַז דער בעסערער טייל פון די אַרבעטער וועט אונטער די נייע באַדינגונגען פון דעמאָקראַטיע שנעל פאַרזעצן זיין שטייגן אַרויף און וועט מיטציען מיט זיך די איבעריגע מאַסע אַרבעטער.

אָבער דאָ האָבן די באָלשעוויקעס איינגעפירט אַ נייע אָרד־נונג פון צוואַנג, אַ פיל ערגערע, ווי די צאַרישע, און מיט דעם האָבן זיי צושטערט אַלע קערנער, וואָס זיינען אַזוי שיין אויפגע־גאַנגען און האָבן אַזוי פיל צוגעזאָגט. די אַלטע אידעאַליסטישע רעוואָלוציאָנערן, אויב זיי זיינען ניט געוואָרן קיין קאָמוניסטן, האָט מען געטויט, אַרויסגעיאָגט אין אויסלאַנד אָדער פאַרזעצט אין טורמעס און פאַרמאַכט זיי דאָס מויל. פון די פריערדיגע באָלשעווי־קעס אַליין זיינען פיל פאַרשוואונדן, געשטאָרבן, אַראָפּ פון דער סצע־נע אָדער געוואָרן קאָרופּט דורך רעגירונגס־אַמטן. פון דעם נייעם דור געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַ נישטיגע מינדער־הייט. און זיי ווייזן אַרויס אַלע פעלערן פון כאַראַקטער, וואָס קו־מען פון אומבאַגרענעצטער מאַכט, און וואָס מיר געפינען ביי קאָ־מוניסטן אַזוי גוט ווי ביי צאַרן.

אָבער ביי דער גרויסער מאַסע פון פאָלק האָט מען אָפּגע־נומען יעדע מענשלאַכע ווערדע, יעדע פעיאיגקייט צו האַנדלען. מ׳האָט זיי אַרונטערגעדריקט ביז צו דער שטופע פון פאַרהונגערטע און פאַרשמיסענע לאַסט־חיות. אמת, זיי בויגן דעם רוקן, נעמען אויף זיך אַלע קרבנות, וואָס זייערע איצטיגע הארן לייגן אויף זיי אַרויף, און שווייגן, כאָטש אין הארצן קאָכט. אָבער אין דעם זע איך ניט איין קיין שום העלדישקייט, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס דערדריקט און רופט אַרויס דעם טיפסטן צער.

פון דער הויך, וואָס דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס האָט אַמאָל דערגרייכט, איז ער, זינט דעם יאָר 1918, אַרונטערגעגאַנגען פון יאָר צו יאָר אַלץ נידעריגער. ער קומט ניט נעענטער צום סאָציאַליזם, נאָר ער דערווייטערט זיך אַלץ מער פון אים, פאַרלירט אַלץ מער די פייאיגקייט צו זיין אַ באַוואוסטזיניגער, וויליגער שאַפער אין דער אינדוסטריע. פון מלוכה־שקלאַפעריי ווערט נאָך ניט קיין סאָציאַ־ליזם, אַפילו ווען די שקלאַפנטרייבער רופן זיך אָן קאָמוניסטן.

ביי שקלאַפעריי קען ניט זיין קיין סאָציאַליזם.

איך גלויב, אַז איך האָב דאָ דערוויזן, אַז די מעטאָדן פון דיקטאַטור בכלל, און באזונדערס דער „פינף־יאר־פּלאן" איז ניט קיין וועג צום סאָציאַליזם, נאָר פאַרקערט, דאָס אַלץ דערווייטערט אַ סך מער פון סאָציאַליזם.

עס איז קיין ספק ניט, אַז אויך מיר, סאָציאַליסטן, ווילן ביי די קאַפּיטאַליסטן צונעמען זייערע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, די פעקטאָ־רים און מאַשינעריע. אָבער דאָס איז ניט גענוג. מיר מוזן אויך אָנווייזן, ווער עס וועט, אָנשטאָט די קאַפּיטאַליסטן, פאַרוואַלטן די פּראָדוקציאָנס־מיטלען.

אויב אָנשטאָט די קאַפּיטאַליסטן וועט אַן אַנדער מינדערהייט אומאָפּהענגיג פון פאָלק און געגן פאָלק אָנהויבן פאַרוואַלטן די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וועט דאָס ניט זיין קיין שום סאָציאַליזם. אין די דעספּאָטישע, אַזיאַטישע לענדער טרעפט אָפט, אַז דער הערשער פון דער מלוכה איז אויך דער הערשער איבער די פּראָדוקציאָנס־מיטלען. אין פאַרגלייך מיט אַזאַ מין אַזיאַטישער מלוכה־ווירט־שאַפט, איז די קאַפּיטאַליסטישע פאָרם פוןווירטשאַפט ווייט ניט אזוי דריקנד, און אין אַ קאַמף מיט דער קאַפּיטאַליסטישער ווירט־שאַפט זיינען פאַראַן אַ סך מער האָפענונגען און אויסזיכטן, איידער אין אַ ווירטשאַפט, וואָס ווערט דעספּאָטיש אָנגעפירט פון מלוכה־הערשער.

דער פראַנצויזישער היסטאָריקער פלאַט דערציילט אָט־וואָס וועגן מאַכמעט־אַלי, וואָס האָט געהערשט אין עגיפּטן צווישן די יאָרן 1799-1849 : „מאַכמעט־אַלי האָט זיך געמאַכט ניט נאָר פאַר דעם איינציגן לאַנד־איינגנטימער און פאַרטיילער פון פאַרם־פּראָדוקטן אין לאַנד, נאָר אויך פאַר דעם איינציגן פאַבריקאַנט. די פעלאַכן (עגיפּטישע פויערים) זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שקלאַפן, און זיי האָבן אויסגעאַרבעט די גאַנצע קאַטאַן און זייד פון לאַנד אויף מאַכמעט־אַלי'ס פאַבריקן. און נאָר פון זיינע פאַבריקן האָט די איינגעבאָרענע באַפעלקערונג געקאָנט קריגן אַלץ, וואָס איז געווען נויטיג צו באַפרידיגן זייערע באַדערפענישן".

וועט דען אימיצן איינפאַלן, אַז אַזאַ מין אַמאָליגע עגיפּטישע

אָרדנונג איז סאָציאַליזם? אָבער האָבן מיר דען ניט קיין ענלאַכע אָרדנונג איצט אין סאָוועט־רוסלאַנד?

פאָרלויפיג איז די איצטיגע אָרדנונג אין רוסלאַנד ניט קיין סאָציאַליזם, נאָר פּונקט דער היפּוך פון דעם. סאָציאַליזם קען פון דעם אַרויסקומען ערשט דעמאָלט ווען מ'וועט, ווי מאַרקס האָט זיך אויסגעדריקט וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, „עקספּראָפּרי־אירן די עקספּראָפּריאַטאָרן", דאָס הייסט, צונעמען די פּראָדוקציאָנס־מיטלען פון די, וואָס האָבן זיי פאַרכאַפּט. אויף ווי ווייט דאָס באַציט זיך אויף דעם באַזיץ פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען, פון פעק־טאָרים און מאַשינעס, האָבן נאָך די רוסישע פאָלקסמאַסן פאַר זיך דיזעלביגע אויפגאַבע צו לייזן, ווי די פאָלקסמאַסן אין די קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער.

און דאָס, וואָס די „עקספּראָפּריאַטאָרן, וועלכע מ'וועט נאָך דאַרפן עקספּראָפּריאירן", זיינען היינט אין רוסלאַנד ניט קיין קאַ־פּיטאַליסטן, נאָר זיי רופן זיך קאָמוניסטן, ענדערט גאָר ניט אין דער פראַגע.

דער אונטערשייד צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און מערב־אייראָפּע באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס אין די אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיינען שוין די אַרבעטער היינט גענוג שטאַרק, אַז זיי זאָלן אין דער דיקטאַטור פון קאַפּיטאַל, אין דער קאַפּיטאַליסטישער הער־שאַפט, קאָנען איינפירן פאַרשיידענע באַגרענצונגען. פאַרשיידענע וויכטיגע צווייגן פון דער אינדוסטריע, וואָס זיינען איצט אַ מאָנאָפּאָל אין די הענט פון קאַפּיטאַליסטן, קאָנען איבערגיין צו דער געזעל־שאַפט, ווען דער אַרבעטער־קלאַס וועט זיגן ביי די וואַלן צום פאַר־לאַמענט. אין רוסלאַנד אָבער זיינען ניט בלויז די פּראָדוקציאָנס־מיטלען אויפ'ן העכסטן גראַד צענטראַליזירט אין איין האַנט, נאָר אַזאַ מין סיסטעם ווערט אויך אויפ'ן שטאַרקסטן אופן באַשיצט פון אַ דעספּאָטישער מלוכה־מאַשין. און די אַרבעטער, ווי מיר האָבן שוין געזען, זיינען דאָרט צושפּליטערט, אָן קיין שום פרייע אָרגאַ־ניזאַציעס, אָן פרייע פּרעסע, פרייע וואַלן, און פולשטענדיג אומ־פּייאיג צו ווערן זיך, צו קעמפן.

פּונקט ווי דער מאָנאָפּאָל אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, אויף די פאַבריקן און מאַשינען, איז אויך פאַראַן אין רוסלאַנד אַ רע־גירונגס־מאָנאָפּאָל אויף בילדונג. עס איז אמת, אַז מיר, סאָציאַ־

ליסטן, ווילן אָפּשאַפן דעם מאָנאָפּאָל פון די הערשנדע קלאַסן איבער בילדונג. אָבער דאָס מיינט נאָר, אז מיר ווילן, אז אַלע מענשן זאָלן קאָנען באַקומען בילדונג. אָבער ניט דאָס ווילן די קאָמוניסטן. זיי האָבן אין רוסלאַנד איינגעפירט אַ נייעם בילדונגס־מאָנאָפּאָל פאַר קאָמוניסטן און אייגענע מענשן. בילדונג איז ביי זיי נאָר איינער פון די מיטלען צו באַפעסטיגן זייער דיקטאַטור.

די ארבעט פון די לערער אין די אָנפאַנגס־שולן איז שווער געגנוג. אָבער שולן געהערן דאָך ניט צו דער אינדוסטריע, מוז מען זיי אויך מקריב זיין. מוזן זיי דעריבער, פונקט ווי אַלץ אין דעם סאָוועט־רוסישן לעבן, זיך אונטערוואַרפן דעם פינף־יאָר־פּלאַן. און זיי זינקען אראָפּ אַלץ טיפער, די שול געביידעס ווערן אַלץ ערגער און זיי פאַרמאָגן אַלץ ווייניגער לערן־ביכער, און די שילער, אַזוי גוט ווי די לערער, גייען אַלץ מער ארום הונגעריגע און שמוציגע.

אין די העכערע לערן־אַנשטאַלטן נעמט מען אריין נאָר אויס־ערוויילטע. דאָס איז אַ פּריווילעגיע פון די קאָמוניסטן און פון די, וואָס געפינען זיך אונטער זייער שוץ. די קינדער פון דער גע־וועזענער בורזשואַזיע (קאַפּיטאַליסטן זיינען קוים פאַרבליבן אין רוסלאַנד, עס זיינען נאָר דאָ אינטעליגענטן) זיינען פון די העכערע שולן אויסגעשלאָסן. געוויינלאַך איז די צאָל קאַנדידאַטן אריינצו־טרעטן אין די העכערע שולן, פינף־זעקס מאָל מערער איידער מ'קאָן אהין אריינגעמען.

אָבער נאָך ערגער איז די פולשטענדיגע פאַרניכטונג פון יעדער גייסטיגער פרייהייט, וואָס דריקט אפילו די מאַסע פון די קאָמו־ניסטן. אָן גייסטיגער פרייהייט איז אָבער אונמעגלאַך אָן אמת'ע בילדונג, אַ ווירקלאַכע באַטייליגונג אין דעם וויסן און אין דער וויסנשאַפטלאַכער ארבעט פון אונזער צייט.

אין קיין לאַנד קאָנען די פאָלקס־מאַסן און אפילו די מאַסן פון קאָמוניסטן אַזוי ווייניג זיך ניט דערוויסן, וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט און אין דער וויסנשאַפט, ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד. אין ערגעץ קאָנען זיי אַזוי ווייניג ניט פאָרשן און דערגיין דעם אמת וועגן פאַרשיידענע זאַכן. אין די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות האָבן די פאָלקסמאַסן הונדערט מאָל מער מעגלאַכקייט זיך צו דער־שלאָגן צו אמת'ן וויסן, ניט בלויז איינצו'חזר'ן און אויסלערנען אויף אויסווייניג קאָמוניסטישע פראַזן. די מאַסן אין די קאַפּי־

טאַליסטישע לענדער האָבן הונדערט מאָל מער מעגלאַכקייט דורכ־צוברעכן דעם בילדונגס־מאָנאָפּאָל פון די הערשנדע קלאַסן, איידער אין דעם לאַנד פון דער אַזוינגערופענער „פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור". אין דעם קאָן נאָר די פאַשיסטישע איטאַליען זיך פאַרגלייכן מיט סאָוועט־רוסלאַנד.

גראָד אין דעם פּרט פון פאָלקס־בילדונג דאַרף נאָך דאָס רוסי־שע פאָלק ערשט אויסקעמפן דאָס, וואָס די פעלקער פון מערב־אייראָפּע האָבן שוין לאַנג. דאָס קאָן מען ניט דערגרייכן אַזוי לאַנג, ווי אין לאַנד הערשט א דיקטאַטור. אויך דאָ איז די דיקטאַטור ניט קיין וועג צום סאָציאַליזם, נאָר זי דערווייטערט דעם סאָציאַליזם אַלץ מער.

אנשטאָט א „פּלאַן־ווירטשאַפט" — פּלענער אָהן א סוף.

אָבער שטייען ניט די רוסן העכער פון אונז, ווייניגסטנס, מיט זייער „פּלאַן־ווירטשאַפט", מיט דער איינאָרדנונג פון דעם עקאָנאָ־מישן לעבן? לעבן מיר דען אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער איצט ניט דורך די אומגליקן, די שווידערלאַכע רעזולטאַטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אומאָרדנונג און אַנאַרכיע? און זעען מיר דען ניט דעם גוטן ביישפּיל פון דעם פּלאַנמעסיג אָנגעפירטן עקאָנאָ־מישן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד?

אַזוי קאָן זיך אויסדוכטן. דאָרטן, וואו די גאַנצע פּראָדוק־ציאָנס־מאַשין ליגט אין איין האַנט, מוז דאָך זיין א פּלאַנמעסיגע ווירטשאַפט. נאַטירלאַך, איז דאָס נאָך ניט קיין סאָציאַליזם, ווייל ביי סאָציאַליזם דאַרף נאָך זיין א פריי־איינגעשטעלטע אַרבעט. אויך ביי אַן אַזיאַטישן דעספּאָט איז מעגלאַך א פּלאַנמעסיג אָנגעפירטע ווירטשאַפט. אָבער יעדע געזעלשאַפטלאַכע צוזאַמענאַרבעט מוז ווערן פּלאַנמעסיג רעגולירט. דאָס זעען מיר אויף יעדער פאַבריק.

אויך די באָלשעוויקעס האָבן פון אָנהויב אָן פון זייער הער־שאַפט געזוכט צו רעגולירן די ווירטשאַפט. אָבער דאָס איז זיי ניט געלונגען צוליב די באַזונדערע אומשטענדן, אונטער וועלכע די באָל־שעוויקעס זיינען געקומען צו דער מאַכט.

ווען די סאָציאַליסטן וועלן געווינען די מאַכט אין די דעמאָ־קראַטישע לענדער, וועט שוין א מערהייט פון דער באַפעלקערונג

שטיצן זייער פּראָגראַם. מיר וועלן זיך קאָנען שטיצן אויף גרויסע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון סאָציאַליסטיש־ערצויגענע גענאָסן, אָרגאַניזאַציעס פּאָליטישע, ארבעטער יוניאָנס, קאָאָפּעראַטיוון, אויך ספּאָרט־פאַראיינען, פאַראיינען פון פריידענקער און אַז. וו.

אונזערע פירער וועלן שוין דעמאָלט האָבען א רייכע ערפאַרונג אין אָרגאַניזירן און פאַרוואַלטן גרויסע געזעלשאַפטלאַכע אונטערנעמונגען און אינסטיטוציעס. זיי וועלן האָבן אַ סך וויסן אין עקאָנאָמישע פראַגן, ניט בלויז טעאָרעטיש, נאָר אויך פּראַקטיש, ווייל א סך פון זיי זיינען מיטגלידער פון שטאָט־רעגירונגען און פּאַרלאַמענטן, אפילו מלוכה־באַאַמטע און מיניסטאָרן, און אויך פירער פון ארבעטער אינסטיטוציעס, קאָאָפּעראַטיוון און אַרבעטער־באַנקען, פאַרוואַלטער פון גרויסע צייטונגען א. אַ. וו. און מיר וועלן אויך האָבן א סך אָנהענגער צווישן די אינטעליגענטן, וואס טוען פּראַקטישע ארבעט אין דער אָנפירונג פון פריוואַטע אונטערנעמונגען.

דאָס וועט אונזער פּאַרטיי געבן די מעגלאַכקייט איינצופירן א פּלאַן און א סיסטעם אין דער אינדוסטריע, ווי נאָר זי וועט איבערנעמען די אָנפירונג פון דעם עקאָנאָמישן לעבן. אונזער פּאַרטיי וועט באַזיצן א סך ערפאַרונג און וויסן אין עקאָנאָמישע פראַגן. זי וועט זיין דורכגעדרונגען מיט א פאַראַנטוואָרטלאַכקייטס־געפיל צו די מאַסן, און זי וועט זיך אָפּהאַלטן פון אוואַנטיורעס, פון איבערגעאײלטע שריט, נאָר וועגן יעדן שריט וועט זי זיך גוט איבערלייגן און אים גוט צוגרייטן.

אָבער ווען די באָלשעוויקעס זיינען געקומען צו דער מאַכט, זיינען די אַלע פּאָרבאַדינגונגען ניט געווען. די צאַרישע רעגירונג האָט אונטערדריקט יעדע פרייע זעלבסט־טעטיגקייט פון אַלע קלאַסן. דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלאַכע לעבן אין לאַנד איז געווען באַהערשט פון א שטרענג־צענטראַליזירטער מאַשין פון טשינאָווניקעס, פּאָליציי און מיליטער.

אין 1917, נאָך די מפּלות אין דער מלחמה, איז די צאַרישע רעגירונגס־מאַשין פון טשינאָווניקעס, פּאָליציי און מיליטער צוזאַמענגעבראָכן. אָבער באַקומענדיג אַלע פרייהייטן, האָבן אַלע קלאַסן ניט געהאַט ניט די געוואוינהייט און ניט די ערפאַרונג פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג. עס איז קיין ספק ניט, אז ביי א דעמאָקראַטישער אָרדנונג וואָלטן זיי שנעל באַקומען די נויטיגע ערפאַרונג און פיר־

איינקייטן, און די פראגן, וואס זיינען דעמאלט געשטאנען פאר דער רוסישער באפעלקערונג זיינען געווען אזוי אומגעהייער שווער און די יונגע רוסישע דעמאקראטיע איז דעמאלט געווען אין גאנצן הילפלאז.

די באלשעוויקעס האבן דעמאלט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו דערשטיקן די דעמאקראטיע, צו באשאפן א נייע דעספאטישע הער־שאפט. זיי האבן זיך דערביי געשטיצט אויף א שטרענג־צענטרא־ליזירטער פארשווערונג, אין וועלכער זיי האבן געוואונען די פירער־שאפט איבער א טייל ארבעטער און באזונדערס סאלדאטן און מאט־ראזן אין פעטראגראד. די באלשעוויקעס האבן זיי געוואונען אויף זייער זייט מיט דעם, וואס זיי האבן זיי צוגעזאגט זייער א סך גליקן. טיילווייז צוליב ריין דעמאגאגישע אויסרעכענונגען, אבער אויך צוליב דעם, וואס זיי האבן זיך צו לייכט פארגעשטעלט די אויפגאבן, וואס שטייען זיי פאר.

פונקט ווי די מאסן, האבן אויך די פירער אונטער דער צאַ־רישער רעגירונג ניט געקאנט אויסארבעטן די פיאיגקייטן און באַ־קומען די ערפארונג, אן וועלכער עס איז אוממעגלאך בייצוקומען דעם קאפיטאליזם און איינפירן א נייע ארדנונג. די באלשעוויקעס זיינען געווען זייער ערפארן אין קעמפן מיט דער פאליציי אדער אין באגייסטערן און מיטרייסן אומוויסנדע מענשן, אבער זיי האט געפעלט וויסן און ערפארונג צו פארוואלטן ברייטע פאליטישע און עקאנאמישע אינסטיטוציעס פון דער מלוכה. טעארעטיש האבן זיי טאקע געשטודירט די לערע פון מארקס'ן, אבער נאר אויף א ריין תלמודיסטישן אופן, מיט פלפולים, פשט'לאך און חקירות. עס האט זיי געפעלט יעדע מעגלאכקייט צו באקענען זיך נעענטער מיט די ווירקלאכע עקאנאמישע ערשיינונגען, וועלכע מארקס באַ־האנדלט אין זיינע ווערק.

מיט א קליינער צאל אייגענע טוער, און אליין אינגאנצן ניט צוגעגרייט, האבן די באלשעוויקעס זיך אונטערגענומען איבערצוקערן מיט'ן קאפ אראפ א לאנד מיט 150 מיליאן איינוואוינער. זיי האבן זיך אונטערגענומען איינצופירן אין רוסלאנד א נייע עקאנאַ־מישע ארדנונג, פאר וועלכער עס האבן געפעלט אלע פארבאַ־דינגונגען, וואס אפילו אין די העכער־אנטוויקלטע מערב־אייראפע־אישע לענדער זיינען זיי נאך ווייט ניט אין גאנצן פאראנען.

די באָלשעוויקעס האָבן געמוזט פּרואוון איינפירן עפּעס אזוינס, וואָס זאָל אויסזען, ווי א פּלאַנמעסיגע ווירטשאַפט. עס איז ניטאָ קיין לייכטערע זאַך, ווי אויפצוצייכענען א פּלאַן, אָבער דורכפירן דעם פּלאַן סיסטעמאַטיש און גרינטלאַך, איז שוין גאָר אַנאַנדער זאַך. אָן דעם קאָן מען גאָרניט ריידן וועגן א „פּלאַן־ווירטשאַפט". אָבער אין רוסלאַנד איז צו דעם ניט געקומען און האָט ניט געקענט קומען. עס האָבן געפעלט פאַר דעם די נויטיגע באַדינגונגען; און דערצו איז נאָך יעדער שריט געמאַכט געוואָרן אין שרעקלאַכער איילעניש, אָן דער געהעריגער צוגרייטונג. קוים האָט מען אָנגע־הויבן ערגעץ דורכפירן א פּלאַן, האָבן זיך באַלד אַרויסגעוויזן נייע פעלערן. האָט מען שוין דעם פּלאַן געמוזט ענדערן און ענדלאַך אין גאַנצן אויפגעבן.

עס פאַרשטייט זיך, אז אזוי לאַנג ווי עס האָט נאָך געטליעט א האָפנונג, אז דער אָדער יענער שריט אָדער פּלאַן האָט נאָך אַן אויסזיכט אויף ערפאָלג, האָט מען אים אָנגעהאַלטן, און ערשט ווען מ'האָט שוין קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, האָט מען אים אויפ־געגעבן. און דאָ האָט מען זיך געמוזט וואַרפן אין פאַרצווייפלונג אויף נייע פּלענער. עס איז דעריבער גאַרניט קיין צופאַל און ניט קיין וואונדער, וואָס אין סאָוועט רוסלאַנד נעמט מען אָן אַלע ווײַלע נייע פּלענער. דאָס איז אַלץ דער נויטיגער רעזולטאַט פון דעם אָנ־הויב פון באָלשעוויזם, פון דעם ערשטן פאַלשן שריט זיינעם, ווען ער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט. די באָלשעוויקעס האָבן געמיינט, אז ווען זיי וועלן מיט עטלאַכע טויזנט מאַטראָזן און סאָלדאַטן מאַכן א מלוכה־איבערקערעניש, וועלן זיי מיט דעם ברענגען א נייע אָרדנונג אויף דער וועלט.

וואָס מיר זעען אין רוסלאַנד, איז ניט קיין „פּלאַן־ווירטשאַפט", נאָר א ווירטשאַפט פון א סך פּלענער, וואָס ווערן אָן אויפהער גע־ביטן איינער אויף דעם אַנדערן. דאָס זיינען אָפטמאָל געוואַל־טיגע פּלענער, אָבער יעדער איינער פון זיי ווערט נאָר אָנגעהויבן, קיינער ווערט ניט רוואיג דערפירט ביז'ן סוף. יעדער איינער פון די אַלע פּלענער ווערט געענדערט, געבראַכן, געביטן, ביז מ'זעט איין, אז מ'קאָן אים ניט דורכפירן, און מ'פאַרבייט אים אויף א נייער „אויסבעסערונג" אָדער מ'גיט אים אין גאַנצן אויף.

מ'רעדט אָפט וועגן דעם העלדישן, געוואַלדיגן עקספּערימענט,

וואָס מ'האָט אונטערגענומען אין סאָוועט רוסלאנד. וואס עס איז פאראן אין דעם העלדישעם, דאָס האָבן מיר שוין געזען. יעדע זאך, וואָס א מלוכה מיט 150 מיליאָן איינוואוינער וועט אונטערנעמען, וועט מוזן זיין געוואלטיג אין פארנעם, צי דאָס וועט זיין א געזעלשאפטלאכער עקספערימענט אָדער א וועלט־קריג. אפילו א נארישקייט אָדער א פארברעכן פון די פירער פון אזא ריזיגער מלוכה וועט מוזן זיין ריזיג.

עס איז אמת, אז מיר דארפן די סאָוועטישע ווירטשאפט באצייכענען אלס אן עקספערימענט, א פראָבע. אָבער מיט דעם אליין, וואָס דאָס איז אן עקספערימענט, ווערט דאָס פונקט דער געגענזאץ פון „פלאן־ווירטשאפט". די באָלשעוויקעס האָבן ניט געהאט די פאָרבאדינגונגען און די נויטיגע צוגרייטונג צו קאָנען דעם עקספערימענט דורכפירן. דעריבער געפינען זיי זיך אלץ מיט דער ווירטשאפט פון לאנד אויף דער שטופע פון עקספערימענטן און זיי וועלן קיינמאָל פון דעם ניט ארויסקומען.

די פאראכטונג צו מענשן, וואָס איז פארבונדן מיט יעדער דיקטאטור, רופט ארוים די ביטערסטע פיינדשאפט פון אלע דעמאָקראטישע סאָציאַליסטן געגן יעדער דיקטאטאָרישער אָרדנונג, אפילו געגן אזא וואס איז ארויסגעוואקסן פון אן ארבעטער־פארטיי. פון סאָציאַליסטישן פארשטאנד ווערט אן אומזין, פון א סאָציאַליסטישער ברכה ווערט א קללה, ווען דאָס ווערט ניט דורכגעפירט פון א פרייען, גוט־געשולטן און אָרגאניזירטן ארבעטער־קלאס מיט דעמאָקראטישע מיטלען, נאָר דאָס ווערט דורכגעפירט פון א קליקע דיקטאטאָרן מיט צוואנג־מיטלען איבער אן אומוויסנדער מאסע, וואָס האָט ניט קיין שום דעה איבער זיך.

די דיקטאַטור אין דעם אינטערנאציאָנאל.

מיר האָבן געזען, ווי עס ווירקט דער געדאנק פון דיקטאטור אין א סאָציאַליסטישער פארטיי, און ווי עס ווירקט, ווען די דיקטאטאָרישע פארטיי ווערט א רעגירונג פון לאנד. עס בלייבט אונז נאָך איבער צו באטראכטן, צו וואָס פאר א רעזולטאטן פאר דעם ארבעטערקאמף דער געדאנק פון דיקטאטור ברענגט אין דעם אינטערנאציאָנאל, אין דער אלוועלטלאכער סאָציאַליסטישער באוועגונג.

פאר'ן וועלטקריג האָט לעניִן אין דעם סאָציאַליסטישן אינ־

טערנאַציאָנאַל ניט געפונען אַזעלכע גינסטיגע באַדינגונגען, ווי אין רוסלאַנד. אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט בלייבן דאָרטן אַליין, האָט ער געמוזט אַנערקענען די דעמאָקראַטיע ניט נאָר אויפ'ן וואָרט, נאָר אויך פּראַקטיש. כאָטש געוויסע באַשלוסן פון די אינטער־נאַציאָנאַלע קאָנגרעסן זיינען אים געווען זייער אומאַנגענעם, האָט ער זיי בלויז קריטיקירט, וואָס ער האָט געהאַט אַ רעכט צו טאָן, אָבער ער האָט זיך זיי אונטערגעוואָרפן.

דאָס האָט זיך געענדערט, ווען דער אינטערנאַציאָנאַל איז אין דער צייט פון דער מלחמה געוואָרן צייטווייליג אומטעטיג. אין צימערוואַלד (שווייץ) האָבן אין יאָר 1915 איינוגע מיטגלידער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ. זיי האָבן אָבער צווישן זיך ניט אין אַלץ איינגעשטימט. אייניגע האָבן גע־וואָלט אויפלעבן דעם ביזאַהעריגן אינטערנאַציאָנאַל. אַנדערע, ווידער, האָבן געוואָלט באַשאַפן אַ נייעם, דריטן אינטערנאַציאָנאַל, און אויסשליסן פון אים אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס וועלן ניט איינשטימען מיט די גרינדער פון דעם נייעם אינטערנאַציאָנאַל. דעם קערן פון דעם נייעם אינטערנאַציאָנאַל האָבן געזאָלט בילדן די באָלשעוויקעס, אונטער דער אָנפירונג פון לענין'ען. זיי האָבן שוין פאָראויס געוואָלט ניט באַנייען דעם אינטערנאַציאָנאַל, נאָר אים שפּאַלטן.

ווי נאָר די מלחמה האָט זיך געענדיגט, האָבן זיי זיך גענומען גרינדן דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, אַנטקעגן דעם צווייטן, וואָס האָט אין יאָר 1919 אָנגעהויבן ווידער צו אַרבעטן. און פּונקט ווי דער צווייטער און דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל זיינען געווען דעמאָקראַטיש, אַזוי איז דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל דיקטאַטאָ־ריש, מיט אַ שטענדיגן צענטער אין מאָסקווע. דער דריטער אינ־טערנאַציאָנאַל איז געוואָרן אַ װערקצייג פון דער רוסישער רעגירונג. זי האָט דורך אים באַקומען אין אויסלאַנד אַ גרויסע צאָל אַגענטן, אַ טייל פון זיי ערלאַכע, באַגייסטערטע אָנהענגער, אַ טייל — גוט באַצאָלטע טשינאָווניקעס, אָבער אַלע אָן אויסנאַם זיינען זיי געווען בלינדע װערקצייג פון מאָסקווע, אָן דעם מינדעסטן אייגענעם ווילן.

די צייט איז פאַר די באָלשעוויקעס געווען אַ גינסטיגע. זיי האָבן ערוואַרט אַ וועלט־רעוואָלוציע, וועלכע זיי, די ערפאָלגרייכסטע

רעוואָלוציאָנערן, וועלן, פאַרשטייט זיך, אָנפירן. פון דער דיקטאַטור איבער רוסלאַנד וועט ווערן אַ דיקטאַטור איבער דער וועלט.

דאָס איז אָבער געווען אַ פאַלשע רעכענונג פון די קאָמוניסטן (אַזוי האָבן די באָלשעוויקעס זיך אַ נאָמען געגעבן נאָך זייער איבערקערעניש אין רוסלאַנד אין יאָר 1917. זיי האָבן מיט דעם נאָמען „קאָמוניסטן" געוואָלט באַצייכענען, אַז זיי זיינען ניט קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטן, ווי זיי זיינען געווען פריער אין פאַרלויף פון 20 יאָר). זייער דיקטאַטור איז אפשר געווען צוגעפּאַסט צו די דעמאָלדיגע ספּעציעלע באַדינגונגען פון רוסישן פאָלק, אָבער זיכער ניט צו די ציוויליזירטע פעלקער פון מערב־אייראָפּע. אָבער אַפילו אין רוסלאַנד אַליין האָט די קאָמוניסטישע דיקטאַטור געקאָנט זיין ערפאָלגרייך נאָר ביי זייער אומנאָרמאַלע פאַרהעלטנישן נאָך דעם מיליטערישן צוזאַמענבראָך פון יאָר 1917.

נאָר מענשן, וואָס פאַרשטייען ניט, וואָס עס איז אַזוינס אַ מאָדערנע מלוכה, האָבן געקענט ערוואַרטן, אַז רעוואָלוציעס וועלן אויסברעכן אין אַלע לענדער פון דער וועלט. נאָר אין די באַזיגטע מיליטערישע מלוכות איז געקומען צו רעוואָלוציעס. אָבער אויך דאָרטן האָבן ניט די קאָמוניסטן געזיגט. קיין העכער־אַנטוויקלטער אַרבעטער־קלאַס זעט ניט זיין באַפרייאונג אין אַ דיקטאַטור, ווי פּראָלעטאַריש זי זאָל ניט אויסזען.

דער געדאַנק וועגן אַ קאָמוניסטישער וועלט־רעוואָלוציע האָט טאַקע געהאַט אַ גאַנץ אַנדערן שיקזאַל, ווי די קאָמוניסטישע דיקטאַטור אין רוסלאַנד. אָבער אַ געוויסן איינדרוק אין אויסלאַנד האָט די קאָמוניסטישע דיקטאַטור דאָך געמאַכט.

אויף די סאָציאַליסטן אין אויסלאַנד, וואָס האָבן ניט אריינגעקוקט טיפער אין דער זאַך, האָט דער אָנבליק פון דער סאָוועטן־רעפּובליק געמוזט מאַכן אַן איינדרוק. די אויבערפלעכלאַכע סאָציאַליסטישע באַאָבאַכטער אין אויסלאַנד זיינען אָבער ניט געווען באַקאַנט מיט די אומשטענדן פון רוסלאַנד, מיט דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פון רוסישן באָלשעוויזם, וועלכע מיר האָבן פריער אין קורצן איבערגעגעבן. מ'האָט געזען פאַר זיך אַ פאַקט, אַז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע האָט זיך אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איינגעגעבן צו באַהערשן די גרעסטע מלוכה

אין איראָפּע. דער פאַקט איז געווען אַ צו גרויסע פרייד, אַז מ'זאָל דערביי וועלן אָנהויבן צווייפלען און פרעגן קשיות.

דעריבער זיינען אין אָנהויב אין די מערב־איראָפּעאישע סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטייען די סימפּאַטיעס צום קאָמוניסטישן רוסלאַנד געווען שטאַרק פאַרשפּרייט. אָבער דאָס איז פאַר די מאָסקווער דיקטאַטאָרן ניט געווען גענוג. דער באָלשעוויזם איז געוואָרן גרויס דורך אַ דיקטאַטור אין דער פּאַרטיי. עס איז אים געלונגען איינ־צופירן אַ דיקטאַטור אין לאַנד. איצט האָט ער געוואָלט ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ דיקטאַטור איבער'ן ארבעטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט. יעדער איינער אין אויסלאַנד, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט בויגן, איז געוואָרן אַ פיינט, אַפילו ווען ער האָט געהאַלטן, אַז פאַר רוסלאַנד איז אַ קאָמוניסטישע פּאָליצייאישע דיקטאַטור אַ גאַנץ שיינע זאַך. דאָס איז ניט געווען גענוג, ער האָט געמוזט אָנערקענען, אַז מ'דאַרף האָבן אַ דיקטאַטור איבער דער גאַנצער וועלט.

אויף דעם האָבן זיך ניט געקענט אנטשליסן אַפילו אַזעלכע אויסלענדישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט די באָל־שעוויקעס. די באָלשעוויקעס האָבן ערקלערט, אַז יעדער מאַרק־סיסט, יעדער ארבעטער מוז זיך זיי אונטערוואַרפן. ווער עס האָט דאָס ניט געטאָן, איז ערקלערט געוואָרן פאַר אַ קלאַסן־שונא. די בורזשואזע פּאַרטייען זיינען פאַר זיי געווען בלויז געגנער, מיט וועלכע מ'האָט ביי געוויסע אומשטענדן אַפילו פאַרהאַנדלט וועגן אַ צייטווייליגן שלום, וועגן אַ וואַפן־שטילשטאַנד. די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן אָבער זיינען געווען פאַר זיי טרוסן, פאַררעטער, געמיינע בונטאָווטשיקעס, וואָס פאַרדינען נאָר די שטריק.

אויף אַזאַ אופן האָבן די קאָמוניסטן אין אַלע לענדער באַלד נאָך דעם וועלט־קריג זייער פיל אָפּגעשוואַכט די קרעפטן פון אַר־בעטער־קלאַס. די צייט איז געווען זייער אַ וויכטיגע. מ'האָט ניט געקאָנט ערוואַרטן קיין וועלט־רעוואָלוציע, אָבער אין אַ סך מלוכות זיינען פאָרגעקומען טיפע ענדערונגען, און די באַדייטונג פון ארבעטער־קלאַס האָט זיך זייער שטאַרק אויפגעהויבן.

שטעלענדיג די פאָדערונג פון אַ דיקטאַטור העכער פאַר דער איינינקייט פון ארבעטער־קלאַס, האָבן די קאָמוניסטן געשפּאַלטן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אויסער רוסלאַנד, פּונקט ווי זיי האָבן

געשפּאָלטן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין רוסלאַנד נאָך פאַר דעם קריג. זיי האָבן נאָך מער אָפּגעשוואַכט די קרעפטן פון אַרבעטער־קלאַס מיט זייערע פּרוּוון צו שפּאַלטן אויך די אַרבעטער יוניאָנס.

די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך דערנאָך געגרינ־דעט אויסער רוסלאַנד, האָבן געדאַרפט האַנדלען ניט לויט זייער איינענעם פאַרשטאַנד, נאָר לויט די אָנווייזונגען פון מאָסקווע. די פירער פון מאָסקווע זיינען שטענדיג שלעכט אינפאָרמירט געוואָרן וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין אויסלאַנד. די פאַרקויפטע אַגענטן און באַריכט־אָפּגעבער אין אויסלאַנד האָבן איבערגעגעבן זאַכן, ניט ווי זיי זיינען, נאָר ווי דער דיקטאַטאָר האָט זיי געוואָלט זען.

אָפטמאָל פלעגן די קאָמוניסטן אין אויסלאַנד אַריינגעשלעפּט ווערן אין זינלאָזע אַוואַנטיורעס, וואָס האָבן זיי געפירט צו מפּלות און כמעט צו פאַרניכטונג, און דערביי האָט שטאַרק געליטן דער גאַנצער אַרבעטער־קלאַס פון יעדן לאַנד. אומעטום, וואו אַ סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אָנגעפירט אַ שווערן קאַמף קעגן אַ בורזשואַזער פּאַרטיי, האָבן די קאָמוניסטן ניט בלויז ניט געהאָלפן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, נאָר זיי זיינען אויף איר אָנגעפאַלן פון הינטן און האָבן מיט דעם געהאָלפן דער רעאַקציע.

איז מעגלאַך אַ „פּאַראייניגטער פראָנט" צווישן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן?

אָפּשוואַכן די קרעפטן פון אַרבעטער־קלאַס און שטאַרקן זייערע געגנער — אָט צו וואָס עס האָט געפירט די פּאָליטיק פון קאָמוניס־טישן אינטערנאַציאָנאַל. דאָס איז אומעטום געווען ניט קיין צופאַל, ניט קיין טעות, נאָר אַ נויטיגער רעזולטאַט פון דער דיקטאַטאָרישער פּאָליטיק אין דער פּאַרטיי, אין דער מלוכה, אין דעם אינטערנאַציאָ־נאַל, וועלכע לענין האָט באַגרינדעט מיט דריי צענדליג יאָר צוריק, און וועלכע איז געוואָרן דער אני מאמין פון זיין סעקטע.

טראָצקי איז גאַנץ גערעכט, ווען ער מיינט, אַז ביי דער איצ־טיגער לאַגע אין דייטשלאַנד איז אַ געמיינשאַפטלאַכע קאַמפּליניע פון סאָציאַל־דעמאָקראַטן און קאָמוניסטן דרינגענד נויטיג. ביידע זיינען אַרבעטער־פּאַרטייען, ביידע ציען זייער קראַפט פון אַרבעטער־קלאַס. זיי האָבן אַפילו איין טעאָרעטישן פונדאַמענט, די מאַרק־

סיסטישע לערע. אמת, זיי טייטשן אויס די מארקסיסטישע לערע פארשיידן, אָבער דאָס דארף ניט שטערן ביי אַ געלעגנהייט זיך צו פארבינדן, כדי צו דערגרייכן אַ געמיינשאפטלאכן ציל. דער ציל איז אָבער דעמאָקראטיע.

וואָרים פונקט ווי די קאָמוניסטן פאראכטן דעמאָקראטיע דאָרט, וואו זיי האָבן אליין פארכאפט די מאכט, אזוי נויטיגן זיי זיך אין דעמאָקראטיע דאָרטן, וואו זיי זיינען אין דער אָפּאָזיציע. און קיינער נוצט ניט אזוי אויס די דעמאָקראטיע, ווי זיי. און פונדעסטוועגן פאלט די קאָמוניסטישע פירער אפילו ניט איין צו קלערן וועגן אַ געאייניגטן קאמפס־פראָנט, ווי נויטיג דאָס זאָל ניט זיין אפילו פאר דער קאָמוניסטישער פארטיי אליין. דער געדאנק פון דיקטאטור שליסט אויס יעדע צוזאמענארבעט מיט פארטייען, וואָס ווילן זיין גלייכבארעכטיגט מיט זיי.

ניט האָר־שפאלטנדע מיינונגס־פארשיידנהייטן און טעאָריעס, נאָר די ווירקלאכקייט פון דער דיקטאטור מיט אירע אומפארמייד־לאכע רעזולטאטן זיינען די גרויסע שטערונג, וואָס מאכט אוממעגלאך יעדע צוזאמענארבעט צווישן קאָמוניסטן און סאָציאל־דעמאָקראטן.

ווען און ווי אזוי די דאָזיגע גרויסע שטערונג וועט פארשווינדן, קאָן איך נאָך ניט וויסן. אויב זי וועט פארשווינדן, אויב די קאָמו־ניסטן וועלן זיך אָפּזאָגן פון דער דיקטאטור, פרייוויליג אָדער גע־צוואונגען, דעמאָלט הערט אויף די שיידוואנט צווישן קאָמוניסטן און סאָציאל־דעמאָקראטן צו זיין אַ נויטווענדיגקייט. דעמאָלט וועט די ווידער־פאראייניגונג פון סאָציאל־דעמאָקראטן און קאָמוניסטן זיין נאָר אַ פראגע פון צייט.

וועט אָבער די דיקטאטור אָנהאלטן, אין וועלכער פאָרם דאָס זאָל ניט זיין, איז ניטאָ קיין וועג צו אַ קאָמפּראָמיס פאר קיין סאָ־ציאליסט, וואָס פארשטייט דעם תוך פון זיין פארטיי. ווייל די דיק־טאטור פאָדערט, אז דער גאנצער מענש זאָל זיך פולשטענדיג איר אונטערוואַרפן, גאָר ניט קלערנדיג און ניט פרעגנדיג. די דיקטאטור פאָדערט פון אַ מענשן, ער זאָל זיין געהאָרכזאם, ווי גאָר ניט קיין לעבעדיגער מענש. זי איז די עקסטרעמסטע פאָרם פון מיליטאריזי־רונג פון דער מלוכה, פון מאכן פון דער גאנצער באפעלקערונג איין שטרענג־דיסציפּלינירטע ארמיי, פון אָפּנעמען ביי מענשן אינגאנצן זייער פרייהייט, ווילן און פארשטאנד.